בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא

תשע"ח

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**נישט אפלאזן עבודת השם אפילו מען שפירט ווי עס גייט נישט; יעדע איד האט זיינע אייגנארטיגע מעלות, נישט קוקן אויף א צווייטן; גיין אין שול דאווענען מיט מנין אפילו ווען עס קומט אן שווער; זיין שטארק מיטן דף גמרא טעגליך; זיך האלטן צוזאמען במשך ראש השנה; אין היכל הקודש פאלגט מען דעם רבי'ן מיט אלעס וואס ער האט געהייסן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בלק, י"ב תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז אז מיר זאלן זיך דערהאלטן און אנגיין מיט אונזער עבודת השם אפילו מען זעט נישט וואס מען טוט; אדרבה, עס דאכט זיך ווי מען ווערט דערווייטערט פון אויבן, און מען ווערט אוועק געשטופט פון צו קענען ווערן נאנט צום אייבערשטן, מיט דעם אלעם לערנט אונז דער רבי אז מיר זאלן זיך עקשנ'ען און נישט אפלאזן אונזער עבודת השם.

קוק נישט אויף א צווייטן; קוק אויף דיינע מעלות און זיי זיך מחי' מיט דיינע נקודות טובות. זוך אויף גוטע זאכן וואס דו טוסט און זיי זיך מחי' מיט דעם, אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט מיר זאלן זיך אויפהייבן און נישט כסדר זיך צוברעכן און זיך אראפ קלאפן, ווייל יעדער איד איז אנגעפילט מיט מצוות ומעשים טובים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין לז.) אויפן פסוק (שיר השירים ו, ז): כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ, "אֲפִילּוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִין מִצְוֹת כְּרִמּוֹן"; דארף מען זיך זייער מחי' זיין מיט דעם.

גיי אין שול דאווענען דריי מאל א טאג; אפילו עס קומט דיר אן שווער, דו ביסט פאריאגט און פארפלאגט צו ברענגען פרנסה, און דער פסוק (בראשית ג, יט): "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם", איז ביי דיר מקוים געווארן - דאך זאלסטו זיך אוועק כאפן אינמיטן דיינע טרדות און זיך איינטינקען אין שול; א שול איז אזוי ווי א מקוה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ילקוט שמעוני בלק, סימן תשעא) אויפן פסוק (במדבר כד, ו): "כִּנְחָלִים נִטָּיוּ", פונקט אזוי ווי ווען א טמא'נער מענטש גייט אריין אין א מקוה ווערט ער ריין, אזוי אויך איז א שול מטהר דעם מענטש.

איך האף אז דו לערנסט יעדן טאג דעם דף גמרא; מיר לערנען יעצט אז א דבר חשוב ווערט נישט בטל (זבחים עב-עג), דאס איז פאר אונז א גרויסע חיזוק אז אונזערע גוטע מעשים ווערט נישט בטל, עס ווערט נישט פארפאלן אֲפִילּוּ אַחַת בְּרִיבּוֹא, מה שאין כן שלעכטע מעשים דאס ווערט גלייך בטל ומבוטל; יעדע גוטע מחשבה און אודאי יעדע גוטע דיבור וואס א מענטש רעדט ארויס צום אייבערשטער, ער זאגט: "רבונו של עולם! איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין וואויל, איך וויל זיין אן ערליכע איד", - גייט נישט

לאיבוד און עס ווערט נישט בטל, ווער רעדט נאך א מעשה טובה, א חסד וואס מען טוט מיט א צווייטן, א טובה פאר א צווייטן איד אדער א גוט ווארט פאר א צווייטן, ווערט זיכער נישט בטל און מען וועט באקומען פאר דעם שכר אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

אויב דו ווילסט זיין דאס יאר צוזאמען מיט אונז ראש השנה אין אומאן זאלסטו זיך שוין מעלדן צו האברך היקר יחזקאל סאמעט נרו יאיר, ווייל מיר דארפן ענדיגן דעם בנין און עס פעלט נאך געלט; דעריבער וועלן מיר מער נישט קענען ווארטן צו פארדינגען בעטן, נאר מיר וועלן שוין יעצט פארדינגען אלע בעטן. מיר האבן אסאך אינגעלייט פרישע מקורבים וואס ווילן דינגען ביי אונז א בעט, אבער לכתחילה וויל איך קודם פארדינגען פאר תלמידי הישיבה, דעריבער זע זיך צו פארבינדן מיט אים אז דו זאלסט קענען מיט האלטן דאס יאר אין אומאן צוזאמען מיט תלמידי היכל הקודש.

דער רבי געפונט זיך נאר דארט וואו מען רעדט פון אים; דעם רבינ'ס זאך איז נאר אויב מען נעמט עס אויף לעובדא ולמעשה. ברוך השם ביי אונז רעדט מען פון רבי'ן, מען לעבט מיטן רבי'ן און מען טוט למעשה וואס ער האט אונז מצווה געווען. אנגעהויבן מיטן סדר דרך הלימוד; אלע תלמידי היכל הקודש לערנען יעדן טאג שיעורים כסדרן בכל התורה כולה און מען איז זיך מתבודד צום אייבערשטן, ווי אויך רעדט מען נישט פון קיין געלט, נאכדעם וואס מיר האבן שוין טועם געווען פון די מאכלים פונעם גיבור (סיפורי מעשיות, מעשה יב מהבעל תפילה). מיר פאלגן דעם רבי'ן מיט הפצה, און בעיקר אז ביי אונז איז נישט דא קיין מחלוקת, "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא (זוהר נשא, קכח.)", אֲנָ"ן איז די ראשי תיבות אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ; מיר היטן זיך פון אלע סארט מחלוקת, סיי פשוט'ע מחלוקת, און זיכער היטן מיר זיך פון מחלוקת לשם שמים.

איך וויל זייער שטארק דו זאלסט זיך האלטן צוזאמען מיט אונז ראש השנה אין אומאן, דערפאר בעט איך דיר נאכאמאל, פארבינד זיך מיט האברך היקר יחזקאל סאמעט נרו יאיר אז ער זאל דיר אוועק לייגן א בעט, ווייל פון דעם קומענדיגן וואך וועט מען פארדינגען אלע בעטן אן קיין דין קדימה.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**קוק נישט קיין מאוויס, דאס הרג'ט דיין לעבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בלק, י"ב תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

הגם איך האב שוין גערעדט מיט דיר וועל איך דיר אויך שרייבן כדאי דיר מחזק זיין דו זאלסט אויפהערן צו קוקן מאווי"ס, ווייל דאס מאכט דיר מרה שחורה'דיג און דעפרעסט.

דו כאפסט נישט אין וואספארא פלאנטער דו ליגסט; דו דרייסט זיך ארום אזוי מרה שחורה'דיג, דו האסט א טינקעלע פנים - ממש ווי א טויטער מענטש; דאס אלעס קומט פון קוקן מאווי"ס.

איך בעט דיר זייער טייערער ברודער, מאך א פרישע התחלה; ווארף אוועק די נארישקייטן, ווארף אוועק דיינע מאווי"ס. דו וועסט ווערן א נייע מענטש אז דו וועסט נישט קוקן קיין מאווי"ס, דו וועסט ווערן פרייליך און צופרידן.

יעדע מאווי"י איז כלול פון די דריי הארבע עבירות - עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים; אז מען היט זיך נישט די אויגן קומט מען צו ביטערע עבירות, מען פאלט אריין אין די הארבע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, רחמנא לשיזבן, און אלעס הייבט זיך אן פון די אויגן.

איך בעט דיר טייערער הארציגער ברודער: קום צוריק צום אייבערשטן; עס איז נישט געטוג אז מען טוט זיך אן א שטריימל מיט ווייסע זאקן וכו', מען דארף אויך זיין פון אינעווייניג ערליך. אנשטאט קוקן מאווי"ס וכו' נעם א משניות און הייב אן זאגן פרקים משניות, דאס וועט דיר אויסרייניגן דיין מח. אנשטאט גיין ביינאכט מיט חברים אויף שלעכטע פלעצער רחמנא לצלן בלייב אין שטוב מיט דיין ווייב און קינדער.

דער רבי קען יעדן איינעם פארעכטן; אז מען פאלגט דעם רבי'ן קען מען ארויס גיין פון די גרעסטע זומפ וואו מען איז פארזינקען. נעם א משניות און הייב אן גורס זיין א פרק נאך א פרק; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - ווייל דיין מח איז דיר אויסגעריסן פון אזויפיל זינדיגן - דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה. קוק נישט אויף קיינעם און הער נישט אויס קיינעם, עס זאל דיר נישט אנגיין די אלע וואס ווילן לאכן פון דיר פון דעם וואס דו דאווענסט משניות, דו קוק נאר אויף דיר וועט דיר גוט זיין.

איך ווארט צו הערן פון דיר.

...

~~~~~~~~~~~

**נאר דערציילן פאזעטיווע זאכן פאר די עלטערן, נישט זיי אריינמישן אינעם פריוואטן לעבן; אכטונג געבן פון פאלשע שלום בית מאכערס, נאר גיין צו אן ערליכער רב וואס בעט נישט קיין געלט; זיך איבערגעבן צום אייבערשטן ברענגט הצלחה; שיין אויפנעמען די אינגעלייט וואס נעמען צוזאם געלט פאר די מוסדות און פאר שכר לימוד; זען ערשט צו העלפן די מוסד וואס העלפט דיר.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בלק, י״ג תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז נישט גוט אז מען זאל אריין מישן עלטערן אינעם פריוואטן לעבן; בפרט א יונגע פאר-פאלק דארפן זיין זייער פארזיכטיג נישט צו דערציילן פריוואטע זאכן פאר די עלטערן, ווייל רוב גט׳ן וואס קומען פאר איז אין רעזולטאט פון עלטערן וואס מישן זיך אריין אין די לעבן פון די קינדער, זיי ווילן זיך אננעמען פאר זייערע קינדער - ביז עס ווערט א גט.

דערפאר איז נישט כדי אריין צו מישן עלטערן אינעם פריוואטן לעבן; פאר עלטערן דארף מען נאר דערציילן פאזעטיווע זאכן פונעם לעבן און זיי יעדן טאג דאנקען פאר אלעס וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען זייער לעבן פאר די קינדער. אויב א פאר-פאלק זעט אז זיי קענען זיך נישט מסדר זיין וכו׳ זאלן זיי גיין צו אן ערליכער רב וואס זאל מאכן שלום צווישן זיי.

מוהרא״ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין מיר זאלן אכטונג געבן פון שלום בית מאכערס וואס זיי זענען גראבע ליצים; איינע פון די סימנים צו וויסן אויב דער שלום בית מאכער איז סתם א גראבער יונג א לץ - אויב ער בעט געלט צו מאכן שלום בית, ווייל איינער וואס בעט געלט פאר שלום בית - פון אזא איינעם דארף מען אנטלויפן ווי פון פייער, ווייל ער זוכט נישט צו מאכן שלום, ער וויל דאך האבן פרנסה, וועט ער דיר ארום שלעפן א לאנגע צייט ביז עס וועט אים אונטער קומען א צווייטע קעלבל פון וועם צו מעלקן געלט, דאן וועט ער דיר אוועק ווארפן ווי מעןווארפט אוועק א אויסגעקוועטשטע לעמאן; דאס איז א פשוט׳ע סברה, מען דארף נישט זיין צו קלוג דאס צו פארשטיין.

א סימן פון אן ערליכער רב איז אז ער נעמט נישט קיין געלט, נאר ער איז גרייט צו זיצן מיט דיר ווי לאנג עס וועט זיך אויספעלן אבי דו זאלסט האבן שלום בית. דאס פלעגט מען זען ביי מוהרא״ש, ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין געלט ווען ער האט
~~~~~~~~~~~

גערעדט מיט א פאר-פאלק, אזוי ווי אהרן הכהן וואס פלעגט ארום גיין מאכן שלום צווישן מאן און ווייב אן נעמען געלט פון יענעם. מוהרא"ש האט געקענט זיצן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט מיט פרעמדע מענטשן אבי זיי זאלן אהיים גיין בשלום ובשלוה.

דאס איז א צדיק, ער קוקט נישט אויף קיין געלט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי עבודה זרה, יח.): פארוואס רופט מען אן דעם צדיק נחום בר סימאי: "נָחוּם אִישׁ קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים? שֶׁלֹּא הִבִּיט בְּצוּרַת מַטְבֵּעַ מִיָּמָיו" ווייל ער האט קיינמאל נישט געקוקט אויף געלט; אין בבלי (עבודה זרה נ.) זאגט די גמרא: פארוואס רופט מען אים "בנן של קדושים?" ווייל ער האט נישט געקוקט אויף קיין געלט; דאס איז א סימן פון א הייליגע מענטש, אז ער קוקט נישט אויף קיין געלט. ביי אים איז נישט קיין חילוק צי יא געלט אדער נישט געלט - אים גייט אין לעבן א טובה צו טון פאר א צווייטן איד; צו אזא איינעם קען מען גיין נעמען אן עצה, אבער אז אלעס איז ווערליג דאס געלט - פון דארט דארף מען אנטלויפן!

געב זיך איבער צום אייבערשטן ועסטו האבן הצלחה; ווי מער מען רעדט זיך איין אז מען קען שוין אליינס מצליח זיין - אלס א גרעסערער רחמנות איז מען. וואויל איז דעם מענטש וואס איז זיך מבטל פארן אייבערשטן.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט שיין אויפנעמען האברך היקר ... נרו יאיר און האברך היקר ... נרו יאיר; זיי העלפן מיר צאלן די רענט פארן בנין הישיבה און די רענט פאר די מיידל סקול בית פיגא; זיי האבן אראפגענומען פון מיר דעם עול. זיי מוטשענען זיך זייער צו קענען דעקן די רענט יעדן חודש, וואויל איז פאר דעם וואס נעמט א חלק אין די גרויסע מצוה. מיטן העלפן צאלן די רענט האסטו א חלק אין די תורה תפילה פון די בחורים, אינגלעך און מיידלעך, אזוי אויך אין הדפסת והפצת ספרי רבינו, דורכדעם נעמסטו א חלק אין די אלע הרהורי תשובה וואס קומט ארויס פון דעם פלאץ.

אפילו עס איז דיר אויך ענג דיין מצב און דו האסט ממש נישט וואס צו געבן פאר צדקה, זאלסטו שיין אויפנעמען די אינגעלייט וואס העלפן מיר דעקן די הוצאות המוסדות; עס טוט זייער וויי ווען מען באקומט א שטעך פון א צווייטן בשעת מען גייט נאך געלט און מען האט נישט גארנישט קיין פריוואטע אינטערעסן. און פארקערט אויך, עס איז זייער א גרויסע מצוה אז מען איז מחזק איינעם וואס גייט צוזאמנעמען געלט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות קיא:): "טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב", עס איז גרעסער דער וואס ווייזט א שמייכל פאר א חבר ווי דער וואס געבט פאר זיין חבר א קאלט גלעזל מילך; ווייל די גרעסטע מצוה איז מחי' זיין א צווייטן איד, דאס איז מער פון געלט און מער פון אלעס.

דעריבער בעט איך דיר טייערער ..., זוך נישט פון אונטער דער ערד אנדערע צדקות וכדומה; העלף די מוסד וואס העלפט דיר, בעסער געזאגט העלף דיר אליינס, העלף מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין ווייל מיר מוטשענען זיך זייער. מיר דארפן צאלן מלמדים און טיטשערס, און עס רייסט מיר ביים הארץ אז איך קען נישט צאלן די מלמדים סוף וואך. מיר האבן איינגעשטעלטע אין די מוסד וואס האבן נישט אויף שבת צו מאכן - פשוטו כמשמעו. איך ווייס אז מענטשן זאגן: "היינט איז נישט דא אזא זאך אז מען זאל נישט האבן אויף שבת צו מאכן"; הלואי זאל טאקע זיין אזוי אז עס זאל נישט זיין אזא זאך היינטיגע צייטן, אבער ווי עס ווייזט זיך אויס ווייס איך דא ביי אונז אין די קהילה פון אינגעלייט וואס האבן נישט קיין געלט אויף א פלאש וויין, חלה, פיש און פלייש.

יעצט האלטן מיר שוין ביי צען יאר פון ווען די ישיבה האט זיך געעפנט; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא. דאס איז ניסים ונפלאות; א מוסד איז נישט קיין גרינגע זאך צו פירן, און וויפיל דו טראכסט און וויפיל דו ווייסט און וויפיל דו שטעלסט זיך פאר וויפיל ארבעט עס ליגט אונטער דעם - ווייסטו נאך גארנישט וואס עס מיינט פירן א מוסד. איך זוך נישט צו קרעכצן פאר דיר, איך וויל נאר דו זאלסט וויסן אז מיר מוטשענען זיך זייער אנצוגיין מיט די מוסדות, און ווען האברך היקר ... נרו יאיר און האברך היקר ... נרו יאיר בעטן פון דיר דו זאלסט זיך משתתף זיין מיט די רענט זאלסטו זיי שיין אויפנעמען. און אז מו"ה ... נרו יאיר בעט דיר צו צאלן שכר לימוד אדער קעמפ געלט זאלסטו זיך נישט אויסלאכן פון אים נאר צאלן שכר לימוד כדי מיר זאלן קענען באצאלן די מלמדים און טיטשערס. אז מען האט נישט קיין געלט צו צאלן איז איין זאך, אבער חוזק מאכן און צוריק ענטפערן - דאס איז נישט בארעכטיגט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א חלק אין אויפשטעלן שיינע מוסדות וואו אונזערע קינדער וועלן נתחנך ווערן מיט די ריינע אמונה.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**געב אכטונג אויף כיבוד אב, אפילו ווען דיין טאטע שרייט אויף דיר**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בלק, י"ג תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי מכבד דיין טאטע און ווער נישט באליידיגט אז ער שרייט אויף דיר; עס איז נישט געפערליך ווען א טאטע זאגט פאר א קינד וואס צו טון. דו זיי אים ווייטער מכבד אפילו ער שרייט אויף דיר אז דו ביסט געווארן א ברסלב'ער וכו', און אז דו וועסט אים ווייטער מכבד זיין וועט זיך ביים סוף אלעס איבערדרייען לטובה.

וואס דארפסטו מער פון ר' נתנ'ס טאטע, ווי ער האט גע'רודפ'ט ר' נתן עד לחרמה; ער האט אים נישט אריין געלאזט ביי זיך אין שטוב און ער האט נאר געוואלט אז זיין שניר - ר' נתנ'ס ווייב - זאל זיך גט'ן פון אים... און שפעטער האט זיך אלעס איבערגעדרייט, אזוי ווייט אז ער פלעגט אים רופן מיט א 'ר'' רבי נתן, און ר' נתן פלעגט אים זאגן: "טאטע, רוף מיר נישט 'ר'', האט ער אים געזאגט: "פון דיר האב איך דאס מערסטע נחת".

עס זענען דא צענדליגע מעשיות ביי ברסלב'ע חסידים וואס אין אנהייב האבן זיי געהאט שרעקליכע רדיפות פון זייערע עלטערן און משפחה, מען האט זיי ארויס געווארפן פון שטוב, מען האט זיי נישט גערופן צו קיין שמחות און נישט געגאנגען צו זייערע שמחות, אבער ביים סוף האט זיך אלעס איבערגעדרייט לטובה, ווען זיי האבן געזען די דרך ארץ ווי זיי זענען זיי מכבד און די נחת וואס זיי האבן פון זיי.

בפרט אז דו האסט שוין גרויסע קינדער דארפסטו זייער אכטונג געבן אויף כיבוד אב ואם, ווייל קינדער פירן זיך אזוי ווי זיי זעען ביי די עלטערן; ווען קינדער וואקסן אויף אין א שטוב וואו מען איז מכבד די עלטערן, מען רעדט שיין אויף די עלטערן, מען רעדט שיין צו די עלטערן - וועלן זיי אויך מכבד זיין זייערע עלטערן, אבער אז זיי זעען ווי מען לאכט זיך אויס אונטערן ריקן פון זיידי און באבי, מען מאכט ליצנות און מען שפעט אפ אונטערן ריקן, דאן וועלן זיי אויך אהיים גיין און חוזק מאכן פון דיר.

האב נישט מורא אז דיינע עלטערן רעדן צו דיינע קינדער אנטקעגן דיר, דאס איז סתם דמיונות; ממה נפשך - איז דא וואס צו רעדן אויף דיר, אז דו דאווענסט נישט, דו לערנסט נישט, דארף מען זיי דאס נישט דערציילן ווייל זעע זעען דאס אליינס, איז נישט דא וואס צו רעדן אויף דיר, דאס הייסט אז דו פירסט זיך מיט יראת שמים, דו לערנסט, דו דאווענסט און דו ביסט מכבד דיין ווייב, איז וואס דארפסטו מורא האבן אז מען

רעדט אויף דיר, וואס איז דא צו רעדן אויף דיר?! און אפילו מען וועט רעדן אויף דיר וועלן דיינע קינדער וויסן ביי זיך אז זיי האבן א טאטע וואס איז אן ערליכער איד.

איך געדענק ווען מיר האבן געעפנט די ישיבה פלעגט מען סטראשען אז מען וועט מיר מסר'ן פאר די פאליציי; יעדן שני וחמישי פלעגן קומען פאליציי אין ישיבה. זענען געווען חברים וואס האבן מורא געהאט און געלאפן צו מוהרא"ש דערציילן וואס טוט זיך אין ישיבה און אלעס וואס די עסקנים ווארפן א פחד און א מורא, האט מוהרא"ש געזאגט מיט א שמייכל: "וואס וועט מען אריין שרייבן אינעם פאליס ריפארט, אז יואל הייסט זאגן משניות?!" דאס הייסט ממה נפשך, האט איינער פוטער אויפן קאפ, ער פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, וועט דער אמת ארויס קומען פריער אדער שפעטער, און אז נישט - וואס איז שייך צו רעדן?

דאס וואס דו גייסט אריבער אז דיינע עלטערן רודפ'ן דיר אז דו ביסט מקורב געווארן צום רבי'ן - דאס גייט אריבער אויף יעדן מקורב. דאס האט נישט צו טון מיט דיר און נישט מיט זיי, זיי זענען וואוילע מענטשן און זיי ווילן נאר דאס גוטס ביי דיר, דאס איז פשוט מעשה בעל דבר; דער ס"מ האט פיינט דעם רבי'ן און נאכמער האט ער פיינט מוהרא"ש און זיינע תלמידים, מאכט ער א שלעכטע נאמען און פארשפרייט לשון הרע'ס וכו', וואס אז עלטערן הערן דאס ווילן זיי נישט אז זייערס א קינד זאל אנקומען צו א פלאץ וואס מען הערט אזעלכע לשון הרע'ס.

דעריבער זאלסט זיך נישט נעמען צום הארצן אז מען רודפ'ט דיר און עס זאל דיר נישט אנגיין דאס וואס דו ביסט אראפגעקוקט ביי די משפחה; דו זאלסט זיי מכבד זיין מיט דיין גאנצע כח - ביז מסירת נפש, וועסטו זען אז נאך א שטיק צייט וועט אלעס אריבערגיין און דו וועסט פאראייניגט ווערן מיט דיינע עלטערן.

זיי ממשיך מיט לימוד משניות; ווען דו האסט אן איבעריגע מינוט זאלסטו אריין כאפן נאך א פרק און נאך א פרק, דאס וועט דיר אריינברענגען א שטארקע ישוב הדעת אז דו וועסט נישט ווערן צעפאלן פון יעדע קלייניקייט וואס גייט אריבער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**אויסנוצן דעם קעמפ ווי עס דארף צו זיין.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בלק, י״ג תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד די תלמידות פון מחנה ״בית פיגא״ ברסלב, שתחיו.**

איך בעט ענק זייער עטץ זאלטס אכטונג געבן אויף די געלט פונעם מוסד; געדענקט אז יעדע פרוטה פונעם מוסד געהערט פארן רבי׳ן, דעריבער דארף מען זייער אכטונג געבן נישט שאדן מאכן קיין איין פרוטה. ווען ענק גייען ארויס פון באנק דארף מען פארמאכן די לעקטער מיט די ערקאנדישן, און ווען מען ענדיגט עסן לייגט מען אוועק די מילך און אלע זאכן וואס דארפן ליגן אין פרידזשידער כדי עס זאל נישט פארדארבן ווערן און גיין לאיבוד.

עטץ קענטס זיך נישט פארשטעלן וואספארא נחת איך האב פון ענק ווען איך הער צוריק גוטע גריסן ווי שיין ענק פירן זיך אויף; בעיקר ווי עטץ געבטס אכטונג אויף א צווייטע מיידל׳ס געפילן. מען קריגט זיך נישט, מען מאכט נישט חוזק פון א צווייטן און מען בארעדט נישט א צווייטן. אלע שמועסן זענען פאזעטיוו, געשמאק, שיין און אנגענעם.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ט.) ״בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד - בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ״, ווי אזוי א מענטש פירט זיך מיט א צווייטן אזוי פירט מען זיך מיט אים; אז ענק וועלן אכטונג געבן אויף א צווייטן וועט דער אייבערשטער אכטונג געבן אויף ענק.

ווען ענק האבן אביסל צייט זאלט עטץ זאגן תהילים; יעצט אין קעמפ איז אזוי געשמאק צו זיצן אויפן פעלד צווישן די גראז מיט א תהילים און זינגען צום אייבערשטן.

ענק ווייסן אודאי די מעשה מיטן רבי׳ן (שיחות הר״ן, סימן קסג), ווען דער רבי האט געוואוינט אין זלאטיפאליע איז ער אמאל געגאנגען שפאצירן מיט זיין טאכטער שרה, אזוי שפאצירנדיג האט דער רבי איר געזאגט: ״ווען דו וואלסט ווען זוכה געווען צו הערן דאס געזאנג פון די גראז, ווי יעדע גראז זינגט און לויבט דעם אייבערשטן, ווי גוט און ווי איינגענעם איז צו הערן ווי זיי זינגען זייערע לידער״; מיר הערן נישט ווי די גראז זינגען אבער מיר שפירן אז עס איז עפעס אנדערש ווען מיר געפונען זיך צווישן זיי, עס רעדט זיך מער צום אייבערשטן.

דעריבער בעט איך ענק אלע טייערע תלמידות שתחיו, ווען ענק האבן צייט זיצטס צווישן די גראז מיט א תהילים און זינגטס צום אייבערשטן; יעדע קאפיטל תהילים וואס מען זאגט ווערט אוועק געלייגט פארן מענטש און פאר זיינע דורות, דאס ברענגט אלע ישועות און אלע ברכות.

א גרויסן יישר כח פאר ענק אלעמען באזונדער פארן זיך אויפפירן מיט אחדות און ליבשאפט איינער צום צווייטן, אין דעם זכות זאלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות און משיח וועט אונז טראגן קיין ירושלים, אמן.

...

~~~~~~~~~~~

**רעדן צום אייבערשטן, זיך פירן בצניעות, און מכבד זיין איינער דעם צווייטן**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בלק, י״ג תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אלע משפחות פון "מחנה היכל הקודש ברסלב מאנטיסעלאו" שיחיו.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר געפונען זיך אין אזא הייליגע פלאץ "מחנה היכל הקודש ברסלב" מאנטיסעלאו ניו יארק; א פלאץ וואס איז געבויט אויף אמונה. מיר זענען געקומען אין קעמפ פאר איין ציל - זיך מחזק זיין מיט אמונה און זיך שטארקן מיטן הייליגן רבינ׳ס עצות אויף די וועג ווי אזוי מוהרא״ש האט אונז דאס געלערנט.

דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה "התבודדות"; מיר זאלן זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף אונזער שפראך כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ - אזוי ווי מען שמועסט זיך אויס מיט א חבר. ווען מען געוואוינט זיך צו צו שמועסן מיטן אייבערשטן איז דער גאנצער לעבן אן אנדערע סארט לעבן; מען לעבט אן קיין פחד און אן קיין מורא, מען ווערט נישט גערעגט ווען עס גייט נישט אזוי ווי מען וויל און מען איז רואיג און צופרידן.

איך דאנק אייך אלע טייערע משפחות פארן זיך אויפפירן אזוי שיין און איידל, פארן אנטון די קינדער איידל און צניעות׳דיג און בעיקר פארן לעבן פאר זיך. יעדער איינער לעבט פאר זיך, מען טוט זיך נישט אן טייער און מעכטיג; מען לעבט נישט פאר א צווייטן, יעדער לעבט פאר זיך אליינס. עס איז נישט דא קיין קאמפעטישן ווער עס קען אנטון די קינדער מער אויפרייסעריש, נאר מען לעבט פארן אייבערשטן און מען איז פרייליך און צופרידן.

עס איז נישט דא קיין ארויפקוקן אדער אראפקוקן א צווייטן, אלע שמועסן צוזאמען, אלע זיצן אינאיינעם, מען איז זיך מחזק אינאיינעם, מען געבט זיך גוטע ווערטער איינער דעם אנדערן און מען העלפט איינער דעם אנדערן; דאס איז מיין גאנצע נחת און דאס געבט מיר כח ווייטער אנצוגיין מיט די קהילה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א געזונטן זוממער און מיר זאלן זיין שטענדיג פרייליך.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**אז מ׳רעדט צום אייבערשטן ווערט מען א רואיגער מענטש.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בלק, י״ג תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך דאנק דיר פארן העלפן די מוסדות מיט אזא איבערגעגעבנקייט; נאך אביסל ווערסטו טרעפן דיין זיווג און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

עס דארף זיין פאר אונז א זכיה אז מיר קענען באדינען דעם הייליגן רבי׳ן; וויפיל מיר זאלן משמש זיין דעם הייליגן רבי׳ן האבן מיר נישט אנגעפאנגען אים צו באצאלן אויף וואס ער טוט מיט אונז. ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעזען ווען מיר ווערן נישט מקורב צום רבי׳ן? פאר די מתנה פון התבודדות וואס דער רבי האט אונז געגעבן איז שוין כדאי געווען צו מקורב ווערן צום רבי׳ן.

ווער עס פאלגט דעם רבי׳ן און מאכט התבודדות יעדן טאג, ער שמועסט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן אויף זיין פשוט׳ע שפראך, ער דערציילט אים אלעס וואס באדערט אים און וואס דרוקט אים - דער איז א גליקליכער מענטש און דער לעבט א גוטע לעבן. דורך די עצה קען מען פארנעמען שווערע טעג, מען ווערט נישט פארלוירן ווען עס גייט נישט פונקט ווי מען וויל און מען לעבט מיטן אייבערשטן אויף טריט און שריט. ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מען מער בטל ומבוטל צום אייבערשטן, מען ווייסט און מען גלייבט אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט.

דער הייליגער תולדות יעקב יוסף - דער מגיד פון פולנאה זכותו יגן עלינו איז אמאל געפארן צו א ברית, נאכדעם וואס מען האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות, ווען מען האט געזען אז ער קומט נישט אן האט מען געפראוועט דעם ברית אן אים, למעשה איז דער הייליגער תולדות אנגעקומען נאכן ברית און ער געהאט א גרויסע הקפדה פארוואס מען האט נישט געווארט אויף אים. אינמיטן די סעודה איז אנגעקומען אן אורח וואס האט זיך אויפגעפירט זייער מאדנע; יעדע זאך וואס מען האט אים געפרעגט האט ער געענטפערט: ״זאל זיין אזוי!״ מען האט אים געפרעגט: ״איר ווילט עסן?״ האט ער געענטפערט: ״זאל זיין אזוי!״ ״איר דארפט חלה?״ האט ער געזאגט: ״זאל זיין אזוי!״ ״איר דארפט פיש?״ ״זאל זיין אזוי!״ איר דארפט נאך פיש? ״זאל זיין אזוי!״, אויף וואס מען האט אים געפרעגט האט ער געענטפערט ׳זאל זיין אזוי׳, דער עולם האט זיך אונטערגעהאלטן מיט דעם גאסט ביז דער הייליגער תולדות זי״ע
~~~~~~~~~~

האט באמערקט אז עפעס רודערט זיך, האט ער געפרעגט פארוואס מען לאכט, האט מען אים געענטפערט אז עס איז דא איינער וואס זאגט אויף יעדע זאך: **"זאל זיין אזוי!"** האט דער הייליגער תולדות פארשטאנען אז דאס מיינט מען נאר אים, דאס איז אליהו הנביא וואס איז געקומען אים לערנען ער זאל נישט מקפיד זיין אויף דעם אז מען האט נישט געווארט אויף אים מיט'ן ברית.

ווען מען מאכט התבודדות, מען רעדט צום אייבערשטן, דאן לעבט מען מיט אמונה, מען רעגט זיך נישט אויף ווען עס גייט נישט ווי אזוי מען וויל, מען זינגט צו זיך: **"זאל זיין אזוי, זאל זיין אזוי, זאל זיין אזוי ווי דער אייבערשטער וויל"**, און מען לעבט א גוט לעבן. דאס אלעס לערנט אונז דער רבי; איז וויפיל מיר נאר וועלן צוריק טון פארן רבי'ן וועלן מיר נישט אנקומען צוריק צו טון פאר די אלע זאכן וואס ער לערנט מיט אונז.

יעצט אז דו ביסט אין קעמפ צווישן די ביימער און גראז זאלסטו אפאר מאל א טאג כאפן א שפאציר צווישן די גראז און זיך אויסשמועסן דיין הארץ מיטן אייבערשטן. דער רבי איז אמאל געגאנגען שפאצירן מיט זיין טאכטער שרה, אינמיטן שפאצירן האט דער רבי איר געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קסג): אויב דו וואלסט זוכה געווען צו הערן די געזאנג און לויב ווי יעדע גראז זינגט א געזאנג פארן אייבערשטן אן קיין שום פניה און אן קיין מחשבה זרה, ווען זיי זינגען צום אייבערשטן ווארטן זיי נישט מען זאל זיי באצאלן פאר דעם שכר, "כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", ווי שיין און ווי גוט איז צו הערן זייער געזאנג וואס זיי זינגען צום אייבערשטן, "וְטוֹב מְאֹד לַעֲבֹד אֶת ה' בְּיִרְאָה בֵּינֵיהֶם", עס איז זייער גוט צו זיין פרום צווישן זיי.

איך האף צום אייבערשטן אז דו וועסט בקרוב טרעפן דיין זיווג. איך בעט דיר זייער לאז נישט אפ די ישיבה און גיי נישט אוועק פון אונז; ווארט אין ישיבה ביז דו טרעפסט דיין זיווג.

איך האף אז דו וועסט מיר העלפן ווייטער דעם קומענדיגן יאר - שנת תשע"ט מיט די טרענספארטעישן און ווייטער מחזק זיין אלע בחורים וואס דרייוון פאר די מוסד זיי זאלן דאס נעמען פאר א זכות - אז מען קען משמש זיין דעם רבי'ן.

שטארק דיך און זיי פרייליך וועסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**די ריווח פון זיך געפונען אביסל צווישן די גראז חוץ לישוב; נישט בלייבן ליגן אין בלאטע; אן ערליכער איד שטארקט זיך און הייבט זיך אויף - אפילו ער איז אראפגעפאלן; דאס גרויסקייט פון זאגן פארן אייבערשטן: "זיי מיר מוחל"; דער ניגון אויף די ווערטער: "מ'פאלט און מ'פאלט און מען הייבט זיך אויף".**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בלק, י"ד תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר געפונען זיך יעצט חוץ לישוב, מיר זענען אין "מחנה היכל הקודש ברסלב" מאנטיסעלאו. א פלאץ פון קדושה, א פלאץ פון טהרה; א פלאץ וואו מען קען זיך אביסל אויסקלארן דעם קאפ.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רכז): צווישן די גראז גייט בעסער די התבודדות, זיי העלפן מען זאל זיך קענען עפענען דאס הארץ צום אייבערשטן.

אפילו דו ביסט געפאלן אין א בלאטע, בלייב נישט ליגן דארט; דער רבי זאגט: "ווען מען גייט אין א געדעכטע בלאטע גייט מען א פוס אריין א פוס ארויס, דער עיקר טאר מען נישט בלייבן שטיין מיטביידע פיס"; א פוס אריין א פוס ארויס, א פוס אריין א פוס ארויס - ביז מען איז זוכה ארויס צו קריכן פון די שלעכטע מעשים.

מיר געפונען (חולין נא:; שלחן ערוך יורה דעה, סימן נח) ווען א בהמה פאלט אראפ דארף מען חושש זיין אז דאס איז א טריפה און אויב מען שחט דאס גלייך נאכן אראפפאלן טאר מען נישט עסן די פלייש ווייל אפשר איז דאס א טריפה, אבער אויב די בהמה הייבט זיך אויף און עס גייט - איז דאס נישט קיין טריפה; דאס זעלבע איז ביי א נפילה וואס א מענטש גייט אריבער, "נָפְלָה" - אז מען איז אראפ געפאלן, "וְעָמְדָה" - און מען הייבט זיך אויף, מען דערהאלט זיך - איז מען נישט קיין טריפה. אזוי אויך "נָפְלָה וְהָלְכָה", אויב מען מען גייט ווייטער אן אין עבודת השם, מען גייט אין שול דאווענען שחרית מנחה מעריב, מען טוט חסד מיט א צווייטן, מען לערנט די הייליגע תורה - איז אויך א סימן איז מען איז נישט קיין טריפה.

דאס לערנט אונז דער הייליגער רבי: "מיר זאלן ווייטער אנגיין אפילו דער יצר הרעווארפט אונז אראפ"; מען זאל זיך נישט אפשטעלן פאר גארנישט, נאר זאגן פארן אייבערשטן: "רבונו של עולם! איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין וואויל, העלף מיר איך זאל נישט טון קיין שלעכטע מעשים. הייליגער באשעפער! זיי מיר מוחל אויף מיינע שלעכטע מעשים וואס איך האב געטון".

אז מען איז זיך מתודה פארן אייבערשטן נעמט מען אוועק אלע דינים וואס דארפן קומען אויפן מענטש ווען מען זינדיגט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין במדבר רבה כ, טו): בִּלְעָם הָיָה רָשָׁע עָרוּם, וְיוֹדֵעַ שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי, אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", ווען בלעם האט געזען ווי דער מלאך שטייט פאר אים מיט א שווערד האט ער גלייך געזאגט: "חָטָאתִי", ווייל ער האט געוואוסט דעם סוד אז ווער עס איז זיך מתודה און זאגט "חָטָאתִי" קען אים קיינעם נישט שלעכטס טון, אפילו א מלאך קען אים נישט אנרירן. דעריבער האט ער גלייך ארויסגעזאגט דעם ווארט "חָטָאתִי", אז דער מלאך זאל אים נישט קענען שלעכטס טון.

איז דאך זיכער אז ווען א מענטש איז זיך מתודה און זאגט פארן אייבערשטן: **"רבונו של עולם! זיי מיר מוחל אויף מיינע עבירות, חָטָאתִי עָוִיתִי וּפָשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ, איך האב געטון נישט גוטע זאכן. העלף מיר אייבערשטער, איך וויל דאס נישט טון, איך וויל זיין אן ערליכע איד"**, דורכדעם נעמט ער אוועק פון זיך אלע דינים און אלע עונשים, ווייל אז מען טוט תשובה זאגט דער אייבערשטער: "מִיָּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם (תורת כהנים, בחקתי)".

מוהרא"ש האט מיר אמאל געבעטן אינמיטן א ליל שישי שיעור איך זאל מאכן א ניגון אויף די ווערטער: "מ'פאלט און מ'פאלט און מען הייבט זיך אויף"; מען זאל דאס זינגען און טאנצן מיט די ווערטער: "מ'פאלט און מ'פאלט און מען הייבט זיך אויף". כדי מען זאל שטענדיג געדענקען אז אפילו מען פאלט אראפ זאל מען זיך אויפהייבן, נישט בלייבן ליגן אין עצבות ומרה שחורה ווייל דעמאלט איז מען א טריפה, אבער אז מען הייבט זיך אויף איז מען נישט קיין טריפה, דעמאלט איז מען א כשר'ער איד, ווייל "נָפְלָה - וְעָמְדָה", אדער "נָפְלָה - וְהָלְכָה", איז א סימן אז מען איז כשר.

איך האף אז דו לייענסט מיינע בריוו וואס איך שרייב דיר; איך ווארט צו הערן פון דיר ...

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**ב"ה עס קומט א דריטע חתונה אין ישיבה; דאס חשיבות פון חתונה מאכן אין ישיבה; א בושה פאר דער וואס מאכט טייערע שמחות; דער וואס האט שכל מאכט נאר פשוט'ע שמחות; די סדר פון די שמחה; ווער עס וועט חתונה האבן אין ישיבה וועט זוכה זיין צו ערליכע דורות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בלק, ט"ו תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס קומט נאך א חתונה אין ישיבה; גלייך נאך זוממער וועלן מיר האבן א חתונה אין ישיבה מיט א אידישן טעם. דאס וועט זיין די דריטע מאל וואס א תלמיד הישיבה האט חתונה אין ישיבה אן קיין אויסגעבן געלט און אן קיין חובות.

דער וואס האט נאך נישט חתונה געמאכט דער פארשטייט נישט פארוואס מען דארף זיך אזוי איינ'עקשנ'ען חתונה צו מאכן אין ישיבה, אבער דער וואס האט שוין חתונה געמאכט מיט חובות - דער ווייסט שוין גאר גוט דאס חשיבות דערפון. עס איז נישט דא נאך אזא שמחה ווי די מחותנים קענען זיצן און עסן רואיג און זענען זיך משמח ווי ווען עס קאסט זיי גארנישט קיין געלט.

געווענליך ביי חתונות זענען אלע פרייליך; די געסט זענען גאר פרייליך, חתן כלה זענען משונה פרייליך, די מחותנים זענען אויך פרייליך - אבער עס דרוקט זיי די חובות. אסאך מאל דארף מען רופן 'הצלה' ביי א חתונה צום מחותן ווען עס הייבט אים אן דרוקן זיין הארץ פון די חובות אין וואס ער איז אריין. די חתונה ענדיגט זיך, אלע גייען אהיים, אלע פארגעסן וואס עס איז געווען, חוץ די מחותנים - זיי דארפן נעבעך בלוטן פון די חובות פון די חתונה נאכט, וואס האט געדויערט א נישטיגע פינף שעה.

מיר גייט אין לעבן אז מיינע תלמידים זאלן נישט האבן קיין חובות; איך וויל אויפשטעלן א קהלה וואו מען וועט לעבן פאר זיך - נישט פאר א צווייטן, א שמחה זאל זיין מיט א אידישן טעם, מען זאל זיין פרייליך ביי א שמחה, מען זאל הנאה האבן יעדע מינוט פון די שמחה, עס זאל זיין מיטן אייבערשטן - אן בארגן און אן גנב'נען פון א צווייטן. ווען מען בארגט געלט און מען ווייסט בשעת'ן בארגן אז מען גייט נישט באצאלן - איז מען א גנב, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם", איינער וואס בארגט געלט און באצאלט נישט - איז א רשע; איך זע ווי אינגעלייט מאכן טייערע שמחות ווען זיי האבן נישט קיין געלט, זיי טוען דאס כדי נישט צו ווערן פארשעמט פון די וואס מאכן טייערע שמחות, האב איך אפגעמאכט אז ביי אונז וועט זיין פארשעמט דער וואס מאכט טייערע שמחות.

דאס איז נישט נאר ביי חתונות, דאס איז ביי בר מצוה'ס, ביי וואכטנאכט'ס, ביי ברית'ן און ביי אפשערן'ס; ווער עס מאכט פשוט'ע שמחות - דער האט שכל, און ווער עס מאכט טייערע שמחות איז עתיד ליתן את הדין. דעריבער איז מיר א גרויסע שמחה אז תיכף נאכן זוממער וועט פארקומען א חתונה אין ישיבה מיט א אידישן טעם; אלע זיבן בעטלער'ס וועלן זיך באטייליגן ביי די חתונה, און די פאר-פאלק וועלן זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות.

איך האף אז דו וועסט האבן שכל און דו וועסט אויך מאכן פשוט'ע שמחות, דו וועסט אויך חתונה מאכן אין ישיבה פשוט מיט א אידישן טעם און דו וועסט נישט זינקען אין חובות; ווי קען מען דאווענען ווען מען קומט פאר א צווייטן געלט?! ווי קען מען לערנען ווען מען איז שולדיג געלט?! ווי האט מען א קאפ ווען מען דערטרינקט זיך אין חובות?! דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב", ווער עס וויל תשובה טון, "יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", זאל זיך אכטונג געבן נישט צו האבן קיין חובות; אז דו מאכסט ביליגע שמחות טוסטו פאר קיינעם נישט קיין טובה - נאר פאר דיר אליינס.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען חתונה מאכן אונזערע קינדער יונג ווען זיי זענען נאך ריין; מיר וועלן נישט דארפן אויפהאלטן אונזערע קינדער ביז זיי ווערן אלט ווייל מיר האבן נישט קיין געלט, ווייל עס וועט גארנישט קאסטן חתונה צו מאכן אין ישיבה. די סעודה פאר חתן כלה, מחותנים און געשוויסטער שטעלט די ישיבה צו, די מוזיק איז בחנם דורך א סידי, דער שמש - האברך היקר ... נרו יאיר - וועט אויסרופן ביי די חופה און אויסגראמען די מחותנים, מצוה טאנץ איז נאר פאר זיידעס, עלטערן און חתן כלה. מוהרא"ש שרייבט אין ספר "יום הנישואין" זייער שארף אנטקעגן די מנהג וואס לצים האבן אריין געבערענגט אין כלל ישראל אז מען רופט אויס טאנצן פאר די כלה פעטערס און חברים וכו'; קוק אריין וואס מוהרא"ש שרייבט דארט אז דאס איז א גרויסע פירצה און מען טאר דאס נישט טון. אזוי וועט זיך די חתונה ענדיגן פרי, מען וועט קענען אויפשטיין אינדערפרי ווייטער אנגיין מיט די שיעורים כסדרן און קיין חובות און אן קיין דאגות.

איך זאג צו פאר אלע מיינע תלמידים וואס וועלן חתונה האבן אין ישיבה ערליכע דורות, קינדער יראי ה', קינדער וואס וועלן לעבן מיטן אייבערשטן.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דער עיקר איז זיך צו דערהאלטן בשעת א צרה רח״ל און זיך ווענדן צום אייבערשטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת פנחס, כ׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער רבי האט געזאגט: ״העיקר מה שקורין זיך דערהאלטן״; ווייל אויף די וועלט פראבירט מען אויס יעדן איינעם מיט שווערע נסיונות, אלעס נאר ווייל מען וויל זען צו וועם דער מענטש וועט זיך ווענדן ווען ער האט א צרה. צי דער מענטש וועט ארויס זאגן פון מויל א ווארט צום אייבערשטן.

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות נישט אראפ צו פאלן ווען עס גייט אויף דיר אריבער שוועריקייטן; זאג ארויס א ווארט צום אייבערשטן: ״רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר! העלף מיר איך זאל האבן אמונה אין דיר, איך זאל גלייבן אז גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס, נאר אלעס וואס גייט אריבער אויף מיר איז מיט א פונקטליכער חשבון״.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך חבר׳ן נאר מיט ערליכע מענטשן; א חבר איז דער וואס איז מחזק ווען מען גייט דורך א שוועריקייט; קוקן נישט גוטע זאכן קילט אפ דאס יראת שמים; נישט אהיימברענגען כלים וואס זענען מחובר צו די אינטערנעט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת פנחס, כ״א תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געב אכטונג מיט וועם דו דרייסט זיך, ווייל א מענטש ווערט זייער נשפע פון א חבר; א חבר קען ארויף ברענגען א מענטש ער זאל ווערן א גרויסער צדיק, און פארקערט אויך חס ושלום - אז מען דריידט זיך מיט נישט גוטע מענטשן ווערט מען נשפע פון זיי. זאל מען זיין דער גרעסטער צדיק, אויב מען דריידט זיך מיט שלעכטע מענטשן ווערט מען אזוי ווי זיי.

דער הייליגער רמב״ם זאגט ביי די סימנים פון כשר׳ע און טמא׳נע עופות (פרק א׳ מהלכות מאכלות אסורות, הלכה כ): ״וְכָל הַשּׁוֹכֵן עִם הַטְּמֵאִים וְנִדְמֶה לָהֶן, הֲרֵי זֶה טָמֵא״, די פייגלעך וואס דרייען זיך מיט עופות טמאים זענען אליינס טמא׳נע עופות; אזוי ווי די וועלט זאגט: ״ווייז מיר דיין חבר וועל איך שוין וויסן ווער דו ביסט״.
~~~~~~~~~~~

בכלל דארפסטו וויסן אז עס איז נישט דא אזא זאך ווי 'חברים'; מענטשן טוען אלעס פאר זייערע חברים, מען פארברענגט טעג און נעכט מיט חברים, אבער שפעטער ווען די חברים זיין די ערשטע זיי צו באגראבן; א חבר איז נאר דער וואס איז מחזק דעם מענטש ער זאל צוריק קומען צום אייבערשטן.

מיר געפינען ביי דוד המלך (שמואל-ב טז, טז): "חוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעֶה דָוִד", חושי הארכי איז געווען דער חבר פון דוד, זאגט רש"י (דברי הימים-א כז, לג): "כְּשֶׁחָטָא דָּוִד בְּבַת שֶׁבַע", ווען דוד המלך איז אריבער די מעשה פון בת שבע, "שָׁאַל לְחוּשַׁי הָאַרְכִּי", האט ער געפרעגט פון חושי הארכי, "אִם יָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה, אִם יְקַבְּלֵהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּתְשׁוּבָה לָתֵת לוֹ אֲרוּכָה לְחֶטְאוֹ", צי ער זאל תשובה טון, און אויב דער אייבערשטער וועט אנעמען זיין תשובה, "וְאָמַר לוֹ כֵּן", האט אים חושי הארכי געזאגט ער זאל תשובה טון; 'דאס איז א חבר!' דעריבער ווערט ער אנגרופן "רעה המלך" - דוד המלך'ס חבר, ווייל א חבר איז דער וואס איז מחזק צו תשובה טון.

דעריבער בעט איך דיר זייער מיין טייערער תלמיד ..., געב אכטונג מיט וועם דו דרייסט זיך; זע זיך צו דרייען מיט ערליכע אידן, מיט חברים וואס וועלן דיר מחזק זיין זאלסט לערנען און דאווענען, אזוי וועסטו אנהייבן לערנען און דאווענען. אנטלויף פון חברים וואס מאכן ליצנות פון ערליכע אידן און לאז דיך אפ פון חברים וואס קילן אפ דיין אידישקייט. ביי עמלק שטייט (דברים כה, יח): "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ", טייטשן די צדיקים, אז עמלק קילט אפ דעם מענטש דורכדעם וואס ער מאכט ליצנות פון ערליכע אידן.

זיי נישט קלוגער פון ערליכע אידן; מאך זיך אליינס א חשבון צו א פאון וואס איז אפען צו די וועלט ברענגט דיר יראת שמים אדער עס נעמט ארויס פון דיר יעדעס ברעקעלע יראת שמים, דו ווייסט דאך אליינס דעם אמת - אז דאס איז נישט גוט.

יעדעס מאל מען קוקט אויף עבירות ווערט מען אפגעקילט פון יראת שמים און מען פארלירט דעם געפיל צו תורה תפילה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נ): "כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", דער וואס איז פוגם בברית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", קען נישט דאווענען. מען שפירט א ביטערע טעם אין דאווענען און דאס דאווענען האט ביי אים א טעם פון "מַיִין מְרִירִין" - ביטערע וואסער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות טו, כג): "וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה", די אידן האבן נישט געקענט טרינקען די וואסער פון מרה, "כִּי מָרִים הֵם", ווייל עס איז געווען ביטער; בפשטות מיינט דער פסוק צו זאגן אז מען האט נישט געקענט טרינקען די וואסער ווייל דאס וואסער איז געווען ביטער, מוהרא"ש זאגט, "כִּי מָרִים הֵם", זיי האבן נישט געקענט טרינקען די וואסער ווייל "זיי" זענען געווען פול מיט קשיות אויפן אייבערשטן. אז מען היט זיך נישט די אויגן און מען

קוקט שמוציגע קליפס, מען ליגט אין ניאוף, פארלירט מען אלעס! סיי רוחניות און סיי גשמיות, מען לאזט אפ די תורה און מען לאזט אפ דאס דאווענען.

ברענג נישט אהיים קיין שום כלי וואס מען קען זיך מחבר זיין דורכדעם צו אינטערנעט; טו עס פאר דיר, "ואם אין אתה יוצא בגיני, צא בגין אשתך", און אז דו ווילסט עס נישט ארויס טראגן וועגן דיר טראג עס ארויס וועגן דיין ווייב, זי זאל האבן א מאן, "ואם אין אתה יוצא בגין אשתך, צא בגין בניך", און אז עס גייט דיר נישט אן דיין ווייב, טו עס כאטש פאר דיינע קינדער; ווייז פאר דיינע קינדער א דוגמא ווי אזוי מען קען זיין א גוטע מענטש, דיינע קינדער זאלן זען א ביישפיל פון אן ערליכער איד, זיך נישט מיט דיין סעלפאון טאג און נאכט.

איך האף אז דו וועסט זיך באהעפטן מיט ערליכע אידן, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~

**א ברודער קען האבן נאך א גרעסערע השפעה ווי די עלטערן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת פנחס, כ"א תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו ביסט מחזק דיין ברודער; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי מחזק זיין א צווייטן איד בכלל און א אייגענע ברודער בפרט.

א ברודער האט א גרעסערע השפעה ווי טאטע מאמע; דיינע עלטערן ווייסן נישט זיין מצב וואו ער שטייט אויף דער וועלט, זיי יאגן אים וכו', וואס דאס איז א גרויסע סכנה פאר אים. ער ווערט פון דעם אנגעגעסן, און עס גייען אריין אין אים שלעכטע מחשבות פון אנטלויפן וכו', השם ישמרינו.

דערפאר האסטו א גרויסע מצוה אז דו רעדסט מיט אים און דו שמועסט מיט אים; דאס מאכט אים ער זאל נישט אפלאזן אידישקייט. אלע בחורים וואס גייען ארויס לתרבות רעה - רובם ככולם וואלט מען געקענט ראטעווען ווען מען וואלט מיט זיי פארברענגט און געשמועסט וכו' וכו'.

נעם אים ארויס פון קעמפ אביסל, שמועס מיט אים און גיי עסן מיט אים; זאל ער זען אז מען קען זיין אן ערליכער איד און זיין א נארמאלער מענטש.
~~~~~~~~~~

פארשטייט זיך אז עס זאל נישט זיין אויפן חשבון פון דיין ווייב און קינדער; קודם קומט די אייגענע ווייב און קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**ביים רבי'ן איז שלום בית געווען א יסוד היסודות; נישט ווי טון די ווייב אויף קיין שום פאל; מכבד זיין די ווייב מאכט רייך און ברענגט אלע גוטע השפעות; דער מאן דארף זיין דער מתחיל; שלום בית איז תלוי אינעם מאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת פנחס, כ"ב תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ביים רבי'ן איז געווען "שלום בית" א יסוד היסודות; מען האט נישט געקענט קומען צום רבי'ן אויב מען האט זיך געקריגט מיט די ווייב. דער רבי פלעגט זייער אסאך רעדן צו זיינע מענטשן מען זאל מכבד זיין די ווייב, ער האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רסג): דער יצר הרע פרובירט מיט אלע וועגן צו צעטיילן מאן און ווייב, ווייל אן א ווייב האט מען נישט קיין שמירה; דער ס"מ לאקערט אויף אינגעלייט זיי צו צעטיילן און אזוי כאפט ער זיי אריין אין שמוציגע עבירות.

דערפאר בעט איך דיר מיין טייערער ליבער ברידער, געב אכטונג נישט ווי צו טון דיין ווייב; דערמאן איר נישט אלטע מעשיות. מיר בעטן דעם אייבערשטן ביים דאווענען (תהלים עט, ח): "אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנוֹת רִאשֹׁנִים", רבונו של עולם, דערמאן נישט אונזערע אלטע עבירות; פארוואס זאלסטו יא דערמאנען דיין ווייב אירע אלטע מעשיות וואס זי האט זיך פארזינדיגט פאר דיר נאך די חתונה?! הער אויף צאפן אידיש בלוט, הער אויף ווי צו טון א אידישע פרוי און הער אויף איבערצוקייען אלטע ווייטאגן. זאלסט קיינמאל נישט זאגן פאר דיין ווייב: "געדענקסט, האסט מיר דעמאלט ווי געטון?" "געדענקסט, אמאל האסטו געטון דאס און דאס?" דאס איז א לאו אין די תורה (ויקרא כה, יז): "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ, וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ", און חכמינו זכרונם לברכה זאגן אויף דעם (בבא מציעא נח:): "אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַל יֹאמַר לוֹ 'זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים" זאג נישט פאר א בעל תשובה: "געדענקסט נאך ווען דו האסט געטון עבירות?"

אז דו וועסט טשעפען דיין ווייב וועסטו פארלירן דיין גאנצע מזל און הצלחה, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סט): "כִּי עִקַּר הַמָּמוֹן שֶׁל הָאָדָם, בָּא לוֹ עַל יְדֵי בַּת זוּגוֹ", די גאנצע געלט קומט בזכות די ווייב, "וְעַל כֵּן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה:
~~~~~~~~~~~

'אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְרוּ'", דערפאר זאגן אונז די הייליגע חכמים מיר זאלן מכבד זיין די ווייב דורכדעם וועלן מיר רייך ווערן; אז דו וועסט אכטונג געבן אויף דיין ווייב, דו וועסט נישט זוכן אירע שוואכקייטן און שפילן מיט דעם, דאן וועסטו האבן מזל און הצלחה, אבער אויב דו וועסט איר חס ושלום וויי טון, וועסטו אלעס פארלירן.

וויסן זאלסטו אז איינס פון די סימנים פון א איד איז אז ער האט רחמנות; דער רמב"ם שרייבט (פרק יב מהלכות איסורי ביאה, הלכה כג-כד): דוד המלך האט גוזר געווען אויף די גבעונים: "שֶׁלֹּא יִכָּנְסוּ בְּקָהָל לְעוֹלָם וַאֲפִלּוּ בִּזְמַן שֶׁאֵין מִקְדָּשׁ", מען טאר נישט חתונה האבן מיט זיי אויף אייביג, אפילו בזמן שאין בית המקדש קיים, "לְפִי שֶׁרָאָה עַזּוּת וְאַכְזָרִיּוּת שֶׁהָיְתָה בָּהֶם בְּעֵת שֶׁבִּקְּשׁוּ שִׁבְעַת בְּנֵי שָׁאוּל בְּחִיר ה' לִתְלוֹתָם, וַהֲרָגָם, וְלֹא רָחֲמוּ עֲלֵיהֶם", ווייל ער האט געזען זייער גרויס אכזריות און עזות ווען זיי האבן געבעטן מען זאל אויפהענגען זיבן קינדער פון שאול המלך - דער אויסדערוועלטער פונעם אייבערשטן - און זיי הרג'נען אן קיין רחמנות; זעט מען פון דעם אז מען קוקט אויף א מענטש ווי ער פירט זיך, אויב האט ער נישט קיין רחמנות איז ער נישט קיין חלק פון כלל ישראל.

אז מען טשעפעט א צווייטן - בפרט די אייגענע ווייב, מען טוט ווי די ווייב און מען דערמאנט אלטע מעשים, אדער מען טשעפעט איר מיט אירע שוואכקייטן קען מען וויסן זיין אז מען איז נישט פון בני אברהם יצחק ויעקב. אזוי ווי מיר געפינען (זבחים סב.) אז רב יוסף האט געזאגט א פשט און מען האט געלאכט פון אים, האט רב יוסף זיך אנגערופן: "איר זענט (בראשית כה, ד): בְּנֵי קְטוּרָה", זאגט רש"י: "בְּנֵי אַבְרָהָם אַתֶּם אֲבָל לֹא כְּזֶרַע יִצְחָק וְיַעֲקֹב", איר זענט טאקע קינדער פון אברהם אבינו, אבער איר זענט נישט קיין קינדער פון אברהם יצחק און יעקב; אידישע קינדער לאכן נישט פון א צווייטן, אידישע קינדער מאכן נישט חוזק פון א צווייטן.

אנשטאט שטיין אוןווארטן זי זאל דיר נאכגעבן וכו' - זיי דו דער נאכגעבער, זיי דו דער וואס געבט ליבשאפט, ווייל דער מאן איז דער משפיע. מיר מאכן יעדן טאג די ברכה: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה" אז מיר זענען נישט קיין מקבל, נאר מיר זענען משפיע פאר איר, אבער אז מען שטייט און ווארט אז זי זאל זיין דער וותרן, דעמאלט איז מען נישט דער מאן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן עה): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לְקַבֵּל פִּיּוּס, הוּא מֵעָלְמָא דְּנוּקְבָא", ווער עס לאזט זיך נישט גרינג איבערבעטן, דער איז מעלמא דנוקבא; דערפאר זיי דו דער וואס געבט גוטע ווערטער, און געב איר ליבשאפט - וועסטו זוכה זיין צו אלע ברכות.

מוהרא"ש זאגט א כלל: "שלום בית איז תלוי אינעם מאן"; האט דער מאן שכל און ער הייבט אויף זיין ווייב, וועט ער האבן אלעס גוטס, אבער אז מען דערנידערט די ווייב, און מען איז פארנומען מיט מענטשן פון אינדרויסן; אנשטאט אהיים קומען ביינאכט זיין אין שטוב מיט די ווייב דריידט מען זיך אין גאס - דעמאלט פארלירט מען אלעס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די גרויסקייט פון הפצה און הדפסה**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת פנחס, כ"ב תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

וואויל איז דיר אז דו ביסט עוסק אין הדפסה; דו דרוקסט די ספרים פון רבי'ן און די קונטרסים פון מוהרא"ש וואס ברענגען צוריק אידישע קינדער צום אייבערשטן.

זיי מודיע פאר אלע מפיצים אז מען האט געברענגט פון יבניאל קמיעות; מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט טראגן ביי זיך די קמיע וועט ניצול ווערן פון אלעם שלעכטס. דאס קען זיין א הכנסה פאר די מפיצים, ווייל אלע וועלן דאס כאפן; מענטשן גייען אריבער שוועריקייטן און מען זוכט עצות און סגולות ווי אזוי מען קען זיך ראטעווען פון די צרות. ווען מענטשן וועלן זען די קמיעות וועלן אלע דאס כאפן און באצאלן פאר דעם.

אויך זיי מודיע פאר די מפיצים אז מיר האבן יעצט געמאכט עס-די קארדס וואס ענטהאלט איבער צוויי הונדערט דרשות און אלע ניגונים.

מען דארף צואיילן האברך היקר ... נרו יאיר ער זאל ענדיגן דעם לוח לשנת תשע"ט, ווייל א לוח איז א זאך וואס אלע דארפן און אלע נעמען. דאס דארף זיין גרייט אויף ט"ו באב, ווייל פון נאך תשעה באב הייבן מענטשן אן זיך גרייטן אויפן נייעם יאר און אלע דארפן דעם לוח; זע אים אונטער צו יאגן ער זאל דאס ענדיגן.

קוק וואספארא ניסים דער אייבערשטער האט מיט דיר געטון; דו האסט א טייערע ווייב תחי' מיט ליכטיגע קינדער. אלעס בזכות וואס דו העלפסט אין הדפסה מיט אזא איבערגעגעבנקייט.

זיי געזונט און שטארק.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**ווער עס פאלגט דעם רבי׳ן באקומט א נייע לעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת פנחס, כ״ב תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר**

דו האסט מיר ממש מחי׳ געווען מיט דיין בריוו.

מען זעט ממש בחוש אז ווער עס פאלגט דעם רבי׳ן באקומט א נייע לעבן; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה און דו לערנסט דיינע שיעורים כסדרן על פי ״סדר דרך הלימוד״ פון הייליגן רבי׳ן.

איך פריי מיך זייער אז דו האסט געטראפן א פרנסה; אז מען דאווענט שחרית מנחה מעריב מיט מנין איז מען זוכה צו האבן פרנסה בשפע. מוהרא״ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין אז מיר זאלן דאווענען מיט מנין, אזוי וועלן מיר האבן א דבר שבמנין (געלט).

אויב איז דא ביי דיין ארבעט אפענע אינטערנעט דארפסטו זען וואס דו קענסט טון אז דו זאלסט נישט פארלירןביידע וועלטן; פראביר צו בעטן דיין בעל הבית ער זאל פארמאכן דיין אינטערנעט אז דו זאלסט נישט קענען אנקומען צו שלעכטע פלעצער. שלמה המלך זאגט (משלי ז, כה): ״וְעַתָּה בָנִים, שִׁמְעוּ לִי, וְהַקְשִׁיבוּ לְאִמְרֵי פִי״, איך בעט ענק הערט מיר צו, נעמט אן די רייד פון מיין מויל, ״אַל יֵשְׂטְ אֶל דְּרָכֶיהָ לִבֶּךָ״, גייט נישט נאך די וועגן וואס ברענגען עבירות, ״אַל תֵּתַע בִּנְתִיבוֹתֶיהָ״, ווערט נישט פארבלאנזשעט פונעם גוטן וועג, ״כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה״, ווייל אסאך זענען שוין אוועקגעפאלן פון נאך גיין נאך עבירות, ״וַעֲצֻמִים כָּל הֲרֻגֶיהָ״, און אן א שיעור מענטשן זענען שוין גע׳הרג׳עט געווארן דורך טון עבירות; דאס גייט ארויף אויפן אינטערנעט וואס שלעפט אוועק מענטשן פונעם אייבערשטן, איינמאל מען פאלט אריין אין דעם איז שוין זייער שווער ארויס צו קריכן דערפון.

בענין וואס דו שרייבסט אז דו ווילסט איך זאל דיר ענטפערן דיינע ספיקות וכו׳; איך וועל דיר פראבירן צו ענטפערן אויף אלעס וואס דו פרעגסט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**פארברענג מיט דיין ווייב אינדערהיים, וועט דיר גוט זיין.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת פנחס, כ״ב תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער: ״לאז דיר אפ פון ...״; דו האסט א טייערע ווייב וואס וויל רעדן מיט דיר און פארברענגען מיט דיר. ער האט נישט קיין ווייב דערפאר זוכט ער ווי ער קען ארויס שלעפן אינגעלייט פון זייער שטוב פארברענגען די נעכט; ער איז א וואוילער אינגערמאן אבער דו קענסט נישט אוועק לייגן דיין שטוב וועגן אים.

דיין ווייב וויל מיט דיר פארברענגען, זיווארט אויף דיר. וויפיל קען זי זיך בעטן ביי דיר: ״קום אהיים״?! זי וויל נישט זיין דיין משגיח און ׳פאליס לעדי׳, זי וויל דיר נישט נערוועז מאכן מיטן דיך מוטשען: ״וואו ביסטו?״ ״ווען קומסטו?״ אבער זי איז פול מיט ווייטאג. זי וויל מיט דיר פארברענגען; זי האט דיך ליב און זי קוקט דיר ארויף.

דו דארפסט נישט זוכן מיט וועם צו פארברענגען ביינאכט; די אלע וואס דרייען זיך ביינאכט אויפן גאס זענען בדרך כלל מענטשן וואס האבן נישט קיין שטוב. אדער זענען זיי גע׳גט לא עלינו, אדער האלטן זיי פאר א גט וכו׳.

איך האף אז דו וועסט אנהייבן אהיים קומען ביינאכט און זיין מיט דיין ווייב און קינדער, וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

זיי ממשיך מיט דיינע שיעורים; איך האב הנאה יעדעס מאל ווען דו דערציילסט מיר א סיום משניות אדער א סיום מסכתא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

### איז כדאי צו דערציילן די אייגענע שוואכקייטן פאר די ווייב?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ווי אפן מעג מען זיין מיט די ווייב? מעג מען האבן פון צייט צו צייט אזעלכע סארט אפענע שמועסן, דערציילן איינער פאר'ן צווייטן אייגענע חסרונות, שוואכקייטן אין אידישקייט, און מ'זאל אפמאכן פאר די שמועס, אז מ'גייט ארויסלייגן אלעס וואס מ'טראכט, און קיינער זאל נישט אראפקוקן דעם צווייטן צוליב דעם שמועס?

איך מיין אז דאס קען ברענגען א מורא'דיגע נאנטשאפט איינער צום צווייטן, ס'וועט ברענגען א באקוועמע אפענע קשר עד הסוף. איז דאס אויסגעהאלטן?

יישר כח פאר אלעס, חיים

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת פנחס, כ״א תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט כדאי צו דערציילן פאר א צווייטן עבירות - ״שוואכקייטן אין אידישקייט״ ווי דו ריפסט עס, און זיכער נישט פאר די אייגענע ווייב. עס קען זיך דאכטן אז מען וועט ווערן באקוועם איינער מיטן צווייטן דורכדעם, אבער באמת וועט דאס נאר ערגער מאכן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות א, ה): ״אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה״, מען זאל נישט פארמערן צו רעדן מיט די אייגענע ווייב; שטעלט זיך א קשיא, מיט וועם דען זאל מען רעדן אז נישט מיט די ווייב? זאגט מוהרא״ש (עיין ברטנורא שם), אז די פשט איז מען זאל נישט דערציילן פאר די ווייב קיין שוואכקייטן און קיין שום נעגעטיווע זאכן פון זיך, ווייל ווען די ווייב הערט אז דער מאן איז נישט בסדר אין אידישקייט, אדער זי הערט סתם זיינע שוואכקייטן, הייבט זי אן מזלזל זיין אין אים און דאס ברענגט נאכדעם מחלוקת.

מיט די ווייב דארף מען רעדן נאר גוטע ווערטער; איר מחזק זיין און איר פריילך מאכן. דערציילן פון זיך פאזעטיווע זאכן ווי מען איז מצליח ברחניות ובגשמיות, גוטע

ווערטער וואס מענטשן זאגן אויף דיר וכדומה, אזוי וועט זי דיר אויך ארויף קוקן. חס ושלום צו דערציילן שלעכטע מעשים וואס מען טוט און וואס מען האט געטון, ווייל דאס וועט נאר ברענגען פראבלעמען.

אלע דיינע שוואכקייטן וואס דו גייסט אריבער זאלסטו דערציילן פארן אייבערשטן, פאר מענטשן טאר מען נישט דערציילן עבירות - "שוואכקייטן אין אידישקייט" ווי דו ריפסט עס, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות לד:): "חָצִיף עָלַי מַאן דִּמְפָרֵשׁ חֶטְאֵיהּ", מען טאר נישט דערציילן עבירות פאר א צווייטן, נאר טון אזוי ווי עס שטייט (תהלים לב, א): "אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע, כְּסוּי חֲטָאָה", וואויל איז דעם מענטש וואס דעקט צו זיינע עבירות; אבער פארן אייבערשטן איז א מצות עשה צו פארציילן אלעס וואס מען האט געטון - במחשבה, דיבור ומעשה, אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (פרק א מהלכות תשובה, הלכה א): אויף יעדע עבירה וואס מען האט עובר געווען זאל מען זיך מתוודה זיין פארן אייבערשטן, סיי א מצות עשה סיי א מצות לא תעשה. אויב מען האט עובר געווען אויף איינע פון די מצוות, סיי בשוגג סיי במזיד, ווען מען טוט תשובה, דארף מען זיך מתוודה זיין צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (במדבר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ".

ווי אזוי איז מען זיך מתודה? זאגט דער רמב"ם, מען זאל זאגן אזוי: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", איך בעט דיר אייבערשטער, איך האב געזינדיגט פאר דיר, איך האב געטון די און די עבירה און איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטון, איך שעם זיך מיט מיינע מעשים וואס איך האב געטון און איך נעם זיך פאר אז איך גיי עס מער קיינמאל נישט טון; דאס איז וידוי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", און ווער עס פארמערט זיך מתודה צו זיין פארן אייבערשטן, דער איז געלויבט.

אז דו זוכסט א וועג צו ווערן נאנט מיט דיין ווייב, וועסטו דאס עררייכן דורכן געבן גוטע ווערטער פאר איר. רעד שיין צו איר, דאס וועט מאכן אז זי וועט דיר ליב האבן. שלמה המלך זאגט (משלי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אזוי ווי ווען מען קוקט אריין אין וואסער מיט א שמייכל'דיגע פנים זעט מען צוריק א שמייכל, און ווען מען קוקט אריין מיט א ברוגז'דיגע פנים זעט מען צוריק א ברוגז'דיגע פנים; אזוי איז אויך מיט די ווייב, ווען דו וועסט שיין רעדן צו דיין ווייב און איר געבן גוטע ווערטער וועט זי צוריק רעדן צו דיר שיין און זי וועט דיר געבן ליבשאפט און גוטע ווערטער. אזוי אויך אז דו וועסט איר העלפן אין שטוב, וועט זי זען אז דו האסט א געפיל פאר איר, און דאס וועט ענק מאכן נאנט איינער מיטן צווייטן.

זע אויך צו לערנען אין שטוב אביסל יעדן טאג; ווען די ווייב זעט ווי איר מאן לערנט אין שטוב קוקט זי אים זייער ארויף. אפילו דו פארשטייסט נישט קיין לערנען - זאלסטו לערנען אן פארשטיין. דער רבי האט אונז געגעבן א דרך הלימוד (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו) אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען זאגן די ווערטער; הייב אן זאגן פרקים משניות און בלעטער גמרא.

אז דו וועסט לערנען אין שטוב דיינע שיעורים און דיין ווייב וועט זען ווי דו לערנסט, און דו וועסט מקפיד זיין צו גיין דאווענען דריי מאל יעדן טאג - שחרית מנחה מעריב, וועט זי דיר ארויף קוקן, זי וועט זיך בארימען מיט דיר און דיר מכבד זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## קען מען שיקן א שליח קיין אומאן אויף ראש השנה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל זייער שטארק פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, ס'זעט אבער נישט אויס אז איך זאל דאס קענען באווייזן, האב איך געוואלט פרעגן אויב מ'קען שיקן א שליח קיין אומאן, וועט דאס זיין פאר מיר א תיקון?

זלמן

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת פנחס, כ״א תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד זלמן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זאג נישט אז דו קענסט נישט זיין אין אומאן אויפן קומענדיגן יאר ראש השנה הבא עלינו לטובה; ביז אומאן האבן מיר נאך אסאך צייט. אויב דו וועסט יעדן טאג מתפלל זיין צום אייבערשטן אז דו ווילסט זיין ראש השנה ביים רבי׳ן אין אומאן, קענסטו נאך זוכה זיין צו זיין דאס יאר אין אומאן ביים הייליגן רבי׳ן.

אז דו וועסט רעדן מיט ברסלב׳ע חסידים וועסטו הערן ווי יעדער איינער האט זיין מעשה ווי אזוי ער איז בייגעקומען זיינע מניעות. די אלע צענדליגער טויזנטער אידן וואס קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, יעדער פון זיי האט זיינע מניעות וואס ער
~~~~~~~~~~~

דארף דורכגיין ביז ער איז זוכה צו זיין אין אומאן; קיינער קומט נישט צום רבי׳ן באקוועם, נאר אלע וואס קומען גייען אריבער שווערע מניעות ביז מען איז זוכה צו זיין ראש השנה אין אומאן.

אז מען מאכט תפילה און התבודדות א גאנץ יאר איז מען זוכה אנצוקומען צו דעם הייליגן פלאץ, אזוי ווי די בת מלך האט געזאגט פארן שני למלכות (סיפורי מעשיות, מעשה א מאבידת בת מלך) ווען ער האט איר געפרעגט: "ווי אזוי קען איך דיר ארויס נעמען פון די פלאץ פון די נישט גוטע?" האט זי אים געזאגט: "דו קענסט מיר נישט ארויס נעמען פון דא נאר אז דו וועסט זיך אויסקלויבן א פלאץ וואו דו וועסט דארט זיצן א גאנץ יאר, און ווען דו וועסט האבן אביסל צייט זאלסטו בענקען און האפן און וועלן מיר ארויסנעמען פון דא"; דאס גייט ארויף אויף התבודדות. אז מען בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו פאררעכטן אלעס וואס מען דארף מתקן זיין דעמאלט איז מען זוכה צו אלע תיקונים.

דערפאר בעט איך דיר, זיי זיך נישט מייאש! מיר האבן א גרויסער באשעפער וואס הערט צו די תפילות וואס מען בעט אים, בעט יעדן טאג: "רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל קענען זיין ביים הייליגן רבי׳ן ראש השנה אין אומאן. דער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים אויף ראש השנה וועט ער מתקן זיין; דער רבי האט געזאגט: "אפילו מענטשן וועם איך קען נישט מתקן זיין דורכן יאר, אבער אז זיי וועלן קומען ראש השנה דעמאלט קען איך יעדן איינעם ברענגען צו זיין תיקון". הייליגער באשעפער! העלף מיר איך זאל האבן שכל רחמנות צו האבן אויף מיר אליינס; איך האב דאך אזוי פיל געזינדיגט אין עבירות, בפרט אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה, וואס אויף דעם שטייט (משלי ב, יט): "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים", אבער עס איז דא א רבי וואס זאגט צו אז ער קען יא מתקן זיין דעם מענטש, בעט איך דיר טאטע זיסער, העלף מיר איך זאל זיך קענען שטארקן אויף אלע מניעות וואס איך האב און איך זאל זוכה זיין צו קענען זיין אין אומאן ביים הייליגן רבינ׳ס ציון און זאגן דארט דעם תיקון הכללי".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו: "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ, תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ", אמן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## קען מען זאגן תיקון הכללי גלייך נאך די עבירה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געזען די בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אז דער תיקון הכללי העלפט אויך אויפ'ן עובר זיין אויף פגם הברית במזיד רחמנא ליצלן. איך האב געוואלט פרעגן אויב מעג מען זאגן תיקון הכללי גלייך נאכ'ן עובר זיין רחמנא ליצלן, אדער איז דאס שוין חוצפה קעגן דעם אייבערשטן כביכול, אזוי ווי ס'שטייט אז מ'זאל נישט איבערבעטן בשעת כעסו נארווארטן אביסל.

אויך אויב קענט איר מיר שרייבן אביסל מער איבער די גרויסקייט פון תיקון הכללי.

א גרויסן יישר כח, ברוך

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת פנחס, כ״א תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ברוך נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו פרעגסט וועגן מזיד וכו׳; מוהרא״ש זאגט אז עס איז נישט דא אזא זאך אז א איד זאל זינדיגן במזיד, ווייל דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן פט) אויף דעם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, ב): עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה - ״כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי הָעֲבֵרָה גוֹרֶרֶת אוֹתוֹ לַעֲבֹר עֲבֵירוֹת אֲחֵרוֹת וְכוּ׳״, וועו א מענטש זינדיגט חס ושלום, שלעפט אים די עבירה צו זינדיגן אין נאך אן עבירה וכו׳; קומט אויס אז אויב מען האט איינמאל געזינדיגט בשוגג וועט דאס אים שוין שלעפן צו נאך עבירות - דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן דערפון, דעריבער - זאגט מוהרא״ש - איז נישט שייך צו זאגן אז א איד וואס זיין נשמה איז א חלק אלוקי ממעל זאל זינדיגן במזיד, נאר ער איז נכשל געווארן בשוגג אין אן עבירה, און דאס שלעפט אים נעבעך ווייטער און ווייטער צו טון נישט גוטע זאכן.

דערפאר דארפן מיר אוועק לייגן אונזער שכל אין פאלגן דעם רבי׳ן, זיך צו געוואוינען צו זאגן יעדן טאג די צען קאפיטלעך תהילים - דער ״תיקון הכללי״, אן קיין קאפ דרייעניש און אן קיין ספיקות. דער רבי האט צוגעזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן צב) אז ווער עס וועט זאגן די צען קאפיטלעך - דער ״תיקון הכללי״ וועט פאררעכטן אלעס וואס ער האט פוגם געווען; דאס איז א תיקון אויף אלע סארט עבירות וואס האט צו טון מיט פגם הברית.

**דער רבי האט געזאגט** (שם; ובשיחות שאחר הסיפורי מעשיות): **נאכדעם וואס מען זאגט די צען קאפיטלעך תהילים פון "תיקון הכללי" דארף מען מער נישט איבער טראכטן וואס מען האט געטון. דער עיקר תיקון הברית - האט דער רבי געזאגט - איז "נישט איבערטראכטן"; איינמאל מען האט געזאגט דעם תיקון הכללי זאל מען מער נישט איבער טראכטן וואס איז געווען, נאר אנהייבן מיט א נייע התחלה דינען דעם אייבערשטן, לערנען און דאווענען און טון מצוות.**

**ווער רעדט נאך אויב מען איז זוכה צו קומען צום רבינ'ס ציון אין אומאן און געבן א פרוטה לצדקה און דארטן זאגן דעם "תיקון הכללי", וועט מען זיכער פאררעכטן אלעס וואס ער האט פוגם געווען. דער רבי האט צוגעזאגט** (חיי מוהר"ן, סימן רכה) **אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און דארט זאגן דעם תיקון הכללי - די צען קאפיטלעך תהילים (קאפיטל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, אפילו ער האט געטון די הארבסטע עבירות, האט דער רבי געזאגט** (חיי מוהר"ן, סימן רכה): **- "וועל איך מיך לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט, אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס נעמען פון שאול תחתית"; דערפאר אז דו ווילסט פאררעכטן וואס דו האסט פוגם געווען, כאפ דיך אריבער קיין אומאן, און זאלסט זאגן דארט דעם תיקון הכללי; זאלסט זיך מתוודה זיין פארן אייבערשטן, אים דערציילן אלעס וואס דו האסט געטון, דורכדעם וועסטו זוכה זיין אלעס צו פאררעכטן.**

...

~~~~~~~~~~

### לערנען ווען מ'שטייט אין געשעפט, ברענגט נישט קיין ביטול תורה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח אויף די געוואלדיגע שיעורים וואס זענען מיר ממש מחיה און ווייזן מיר דעם ריכטיגען וועג אין לעבן.

איך האב געהערט אויף איינע פון די שיעורים אז ווען מ'שטייט אין געשעפט און מ'ווארט אז קאסטומערס זאלן אריינקומען, זאל מען אין די צייט האבן א קליינע גמרא אדער משניות וכדומה, און אויסנוצן די ליידיגע צייט מיט לימוד התורה.

האב איך געוואלט פרעגן אויב דאס הייסט נישט קיין ביטול תורה, אז מ'דארף מפסיק זיין אינמיטן לערנען ווען א קאסטומער קומט אריין און מען דארף אים סערווירן.
~~~~~~~~~~

יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת פנחס, כ״א תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז מען נוצט אויס די צייט און מען לערנט אינמיטן די ארבעט איז דאס נישט קיין ביטול תורה, דאס איז קיום התורה און דאס איז דער וועג צו מצליח זיין. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ד): ״אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה״, זאג נישט ׳ווען איך וועל האבן צייט און איך וועל נישט זיין פארנומען, דעמאלט וועל איך לערנען׳, ווייל ״שֶׁמָּא לֹא תִּפָּנֶה״, עס קען זיין אז דו וועסט קיינמאל נישט האבן קיין צייט; עס זענען דא מענטשן וואס זענען שטענדיג פארנומען, ממילא קען זיין אז יעדעס מאל וועט זיין אנדערע תירוצים פארוואס מען קען נישט לערנען, דעריבער דארף מען אריין כאפן צו לערנען תורה ווען מען האט נאר צייט.

אזוי פירן זיך ברסלב׳ע חסידים עד היום הזה; זיי נעמען שטענדיג מיט זיך א זעקל ספרים - א חומש׳ל, א משניות׳ל און א תהילים וכדומה, און ווען מען האט נאר א איבעריגע מינוט כאפט מען אריין אביסל גוטס.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת לא.) ווען א מענטש שטארבט און קומט ארויף אויף יענע וועלט פרעגט מען אים: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?״ זאגט דער רבי, דער פשט דערפון איז אז מען פרעגט די נשמה: ״דו האסט אראפ גע׳גנב׳עט צייט צו לערנען תורה יעדן טאג, מיט אלע שוועריקייטן און איבערגייעכטס?״ ווייל ׳קֶבַע׳ איז א לשון פון ׳גְּזֵלָה׳, אזוי ווי עס שטייט (משלי כב, כג): ״וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ״ (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רפד).

ביטול תורה הייסט, אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א חודש נאך א חודש - אן דעם וואס מען עפנט אויף א אידיש ספר; מען קען אויסקוקן פון אינדרויסן ווי א חשוב׳ער אינגערמאן, אבער פון אינעווייניג איז מען א פיסטער יונג. עס גייט אריבער דעם יאר אן דעם וואס מען איז מעביר סדרה יעדע וואך, אן דעם וואס מען זאל אפילו האבן מסיים געווען איין מאל ׳ששה סדרי משנה׳, אן דעם וואס מען זאל לערנען יעדן טאג א דף גמרא - דאס איז ביטול תורה.

דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן לערנען נישט; מען טראכט: ׳איך בין אן ארבעטער, איך קען נישט לערנען. איך בין נישט קיין כולל אינגערמאן, איך בין נישט

פון די רבנים וכו׳׳; אזוי לעבט מען אפ דעם לעבן נעבעך אן תורה. אבער ווען מען וואלט ווען געוואוסט פון רבינ׳ס ״סדר דרך הלימוד״ וואלט יעדער איד געלערנט און מסיים געווען צענדליגער מאל ששה סדרי משנה און ש״ס וכו׳ וכו׳; מען וואלט געהאט אויף אלעם די צייט.

א פרק משניות נעמט נישט לאנג צו לערנען, עס נעמט אין דורכשניט צוויי מינוט גורס צו זיין א פרק משניות. ווען מען הייבט אן גורס זיין משניות, מען זאגט א פרק נאך א פרק, אפילו מען פארשטייט נישט - דעמאלט היט מען די צייט. ווען מען האט אן איבעריגע מינוט, צי אינמיטן די ארבעט, צי מען איז אונטערוועגנס, צי מען ווארט ביי א דאקטער וכו׳ וכו׳, - כאפט מען אריין פרקים משניות, אזוי איז יעדע מינוט אפגעהיטן.

עס שטייט אין תיקוני זוהר (הקדמה, ה.) אז די ראשי תיבות פון זְ׳רָעִים מ׳וֹעֵד נָ׳שִׁים נְ׳זִיקִין קָ׳דָשִׁים טָ׳הֳרוֹת איז ״זְמַן נָקֵט״; האב איך געהערט פון א ברסלב׳ער חסיד א הערליכע פשט, אז איינער וואס לערנט משניות האלט די צייט אין די האנט - ״זְמַן נָקֵט״. וואו ער גייט נעמט ער מיט זיך א משניות, אזוי האט ער אסאך צייט.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן, מען קען וויסן אויף איינעם צי ער דרייט זיך אין ״היכל הקודש״, אויב זעט מען אים שטענדיג מיט א משניות אין די האנט, איז א סימן אז ער דרייט זיך אין היכל הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## איך האב אזא שווערע לעבן, ווי אזוי קען איך זיך דערהאלטן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט מוז איך זיך באדאנקען פאר די געוואלדיגע שיעורים וואס געבן מיר אזויפיל חיזוק אין לעבן, איך האב זיך אויסגעלערנט צו האבן אן אמת'ן קשר מיט'ן רבונו של עולם.

איך בין א פרוי פון ארץ ישראל, שוין חתונה געהאט פאר 27 יאר, מיין מאן איז נישט אינגאנצן געזונט, ער ליידט אויף אוטיזם, ער לעבט אין זיין וועלט און ער פארשטייט נישט און קען נישט טראכטן פון א צווייטן, און די גאנצע עול און אחריות פון די גאנצע שטוב ליגט נאר אויף מיר.

איך האב ב"ה לעצטנס חתונה געמאכט א טאכטער, און בקרוב גיי איך חתונה מאכן א זון, און דאס קאסט אפ שווערע כוחות. ווידער האב איך א בחור וואס איז געגאנגען אין א ישיבה קטנה פאר ספעציעלע בחורים, און יעצט וויל אים קיין ישיבה גדולה נישט ארייננעמען.
~~~~~~~~~~

בקיצור, מיין גאנצע לעבן איז פול מיט שוועריקייטן און נסיונות, איך האב 11 קינדער מיט 12 נסיונות, און איך שפיר ווי איך גיי שוין אראפ פון זינען פון די פילע צרות און שוועריקייטן. כאטש וואס איך רעד אסאך צום אייבערשטן, שפיר איך אבער אז איך מוז אויך האבן א מענטש, א רבי, וואס זאל מיר מחזק זיין צו קענען אנגיין און זיך דערהאלטן אין לעבן. מיין מאן קומט פון א ליטווישע משפחה און ער האלט אז מ'דארף נישט האבן קיין רבי, מ'קען זיך אליין אן עצה געבן, איך שפיר אבער אז איך קען נישט אליין.

איך האף אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר געבן חיזוק און הדרכה וואס צו טון ווייטער.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת פנחס, כ"ב תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איר שרייבט אז איר האט צוועלף נסיונות; וואס זאל איך אייך זאגן, עס איז נישט דא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס האט נישט קיין נסיונות, יעדע מענטש פראבירט מען אויס מיט ביטערע שווערע נסיונות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיט): "דִּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה, שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", עס איז נישט דא קיינער וואס זאל האבן עולם הזה, "וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים וַאֲפִלּוּ הַשָּׂרִים, אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אפילו די גרויסע עשירים און גרויסע הארן האבן אויך נישט קיין עולם הזה, "כִּי כָל יְמֵיהֶם כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", זייער גאנצע לעבן איז פול מיט ווייטאג און כעס, "וְכֻלָּם מְלֵאִים טְרָדוֹת וּדְאָגוֹת וְעַצְבוּת וְיָגוֹן וַאֲנָחָה תָּמִיד", און זיי זענען שטענדיג פארנומען און פאר'דאגה'ט, דעפרעסט און טרויעריג.

עס איז כדאי איר זאלט אריין קוקן אין די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן (שם) וועט איר זען אז נישט נאר איר האט אייערע צוועלף נסיונות, נאר יעדער איינער אויף דער וועלט האט שווערע יסורים, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וְזֶה כּוֹלֵל כָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻלָּם נוֹלְדוּ לְעָמָל וּמְלֵאִים רֹגֶז וְיִסּוּרִין", אין דעם איז אריינגערעכנט יעדער איינער - פון גרויס ביז קליין, אלע מוטשען זיך אויף דער וועלט, "וְאֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לְהִנָּצֵל מֵעָמָל וְיָגוֹן הַזֶּה כִּי אִם לִבְרֹחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", און עס איז נישט דא קיין שום וועג ווי מען קען זיך ראטעווען פון די יסורים נאר אז מען אנטלויפט צום אייבערשטן, מען דערציילט פארן אייבערשטן וואס מען גייט אריבער און מען בעט אים ער זאל רחמנות האבן.

דערפאר זאלט איר אננעמען די עצה פון רבי'ן - אנטלויפן צום אייבערשטן, זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר אים און אים דערציילן פונקטליך וואס עס גייט אויף אייך אריבער; בעטס דעם אייבערשטן: "**רבונו של עולם! איך דאנק דיר פאר מיין לעבן, איך האב א שיינע משפחה פון עלף קינדער קיין עין הרע. איך דאנק דיר אייבערשטער אז מיר האבן שוין חתונה געמאכט אונזער טאכטער און מיר גייען שוין חתונה מאכן אונזער בחור. אייבערשטער איך בעט דיר! געב מיר כח איך זאל קענען ווייטער אנגיין מיט מיין ארבעט אויפצוצוען מיינע טייערע ליכטיגע קינדער, איך זאל זען נחת פון זיי און פון זייערע קינדער.**

**הייליגער באשעפער, דו ביסט דאך דער 'נותן ליעף כח', העלף מיר איך זאל האבן כח אנצוגיין אין לעבן; עס איז מיר זייער שווער אלעס אליינס צו טון. העלף מיין טייערע מאן ער זאל זיין געזונט און שטארק, ער זאל מיר קענען העלפן מיט די שטוב ארבעט".** אזוי זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן יעדעס מאל ווען עס ווערט אייך שווער אויפן הארץ, און לייגט צו אייערע אייגענע תפילות; וועט איר זען די וואונדער וואס דער אייבערשטער וועט מאכן פאר אייך, ווי עס וועט אייך גלייך גרינגער ווערן.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח איר זאלט קענען אויפצוען און חתונה מאכן אלע אייערע קינדער און זען נאר נחת פון זיי.

איין זאך בעט איך אייך, ווערט נישט דערשראקן און פארלוירן ווען עס קומען צו גיין שווערע נסיונות; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, סימן ד): "סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ", א סגולה נישט ווערן דערשראקן און פארלוירן, אז מען זאל געדענקען פון אברהם אבינו; לכאורה, וואס העלפט געדענקען פון אברהם אבינו נישט צו ווערן דערשראקן? נאר חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, ג): עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", צען נסיונות האט דער אייבערשטער געברענגט אויף אברהם אבינו און ער האט זיך דערהאלטן און נישט געהאט קיין קשיות אויפן אייבערשטן; מוהרא"ש זאגט נאך פון צדיקים (עיין בספר השל"ה פרשת וירא, דרך חיים תוכחת מוסר, אות מב) אז די צען ביטערע נסיונות גייט אריבער אויף יעדן איינעם, מען פראבירט אויס יעדן איינעם מיט די צען נסיונות, און וואויל איז דעם וואס דערהאלט זיך און גלייבט ווייטער אינעם הייליגן באשעפער; מיט דעם מעסט מען דאס גרויסקייט פון א איד, וויפיל ער דערהאלט זיך.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט זען נחת פון אלע אייערע קינדער, צוזאמען מיט אייער מאן זאל זיין געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~

## וואס זענען די הלכות ביים אפגיסן נעגל וואסער?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע שיעורים, דאס געבט מיר פילע עצות און חיזוק אין לעבן. איך בין נתעורר געווארן פון די שיעורים אפצוגיסן נעגל וואסער יעדן טאג, דעריבער וויל איך פרעגן עטליכע שאלות וועגן נעגל וואסער.

א. אויב מ'שטייט אויף אינמיטן די נאכט, דארף מען זיך אפגיסן נעגל וואסער?

ב. און אויב יא איז דאס שוין גענוג און מ'דארף זיך נישט נאכאמאל וואשן אינדערפרי?

ג. און אויב וואשט מען זיך אפ אינדערפרי און מען לייגט זיך צוריק נאכדעם בייטאג, דארף מען זיך נאכאמאל וואשן ווען מ'שטייט אויף? דאס איז מיר נוגע ווייל איך געב צו עסן פאר מיין בעבי, און איך קען נישט וויסן ווען איך גיי דארפן אויפצושטיין זיך אפצוגעבן מיט אים.

ד. וויאזוי גיסט מען זיך אפ? איינער זאגט 8 מאל, א צווייטער זאגט 6 מאל, און פון איינעם האב איך אמאל געהערט אז קודם גיסט מען אפ זעקס מאל געהעריג, און דערנאך נאכאמאל דריי מאל אויף די רעכטע הענט און נאכדעם דריי מאל אויף די לינקע האנט. וואס איז די ריכטיגע וועג?

ה. מעג מען נעמען וואסער פאר נעגל וואסער פון א סינק אין בית הכסא אדער פון די וואנע?

ו. אויך דארף מען אפוואשן די הענט פאר די בעבי, ווי אלט דארף מען זיין אז מ'זאל דארפן אפוואשן די בעבי'ס הענט?

ז. ווען מ'געבט צו עסן פאר די בעבי, דארף מען נאכדעם וואשן די הענט יעדעס מאל? איך זיץ אויפ'ן קאוטש און איך געב עסן פאר די בעבי, איך וואלט געוואלט דעמאלט זאגן תהלים, מעג איך דאס טון? אדער דארף איךווארטן ביז איך ענדיג און איך וואש זיך קודם די הענט?

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע שיעורים. און א באזונדערע יישר כח פאר די הערליכע פלעי פון די פארלוירענע בת מלך, דאס האט מיר ממש איבערגענומען, איך האב נאכנישט געזען אזא פלעי אין מיין לעבן, און איך קען נישט אויפהערן טראכטן פון דעם.

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת פנחס, כ״ב תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

נעגל וואסער איז א יסוד היסודות אין א אידישע שטוב; גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי דארף מען זיך אפגיסן די הענט. עס זענען דא צוויי טעמים פארוואס
~~~~~~~~~~

מען דארף זיך אפגיסן די הענט ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, איין טעם ווייל בשעת מען שלאפט כאפט מען זיך אן וואו מען איז צוגעדעקט און מען ווערט טמא (רא"ש ברכות פרק ט, סימן כג), נאך א טעם (תשובות הרשב"א, חלק א', סימן קצא): ווייל ווען מען שטייט אויף ווערט מען א בריה חדשה, אזוי ווי עס שטייט (איכה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", און די ערשטע זאך פאר מיר הייבן אן צו טון אונזער עבודה פארן אייבערשטן דארפן מיר זיך וואשן די הענט, אזוי ווי די כהנים וואס האבן זיך געדארפט וואשן די הענט ביים כיור יעדן צופרי זיך צו רייניגן פאר זיי האבן אנגעהויבן די עבודה אין בית המקדש.

דער זוהר הקדוש זאגט (וישב, קפד:) בשעת א מענטש שלאפט גייט ארויף זיין נשמה און עס קומט א רוח טומאה אויפן מענטש, און ווען דער מענטש וועקט זיך אויף קומט זיין נשמה צוריק, דעמאלט גייט אוועק די רוח טומאה פון אים אבער עס בלייבט אויף זיין הענט און טוט זיך נישט אפ נאר דורך נעגל וואסער.

א - דערפאר דארף מען זייער מקפיד זיין גלייך ווען מען שטייט אויף זיך אפצוגיסן נעגל וואסער ביים בעט; אפילו מען שטייט אויף אינמיטן דער נאכט און מען וויל געבן עסן פארן קינד וכדומה - זאל מען זיך אפגיסן נעגל וואסער (משנה ברורה, אורח חיים סימן א, סעיף קטן ב).

ב - אויב מען איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט און מען לייגט זיך צוריק שלאפן ווען עס איז נאך נאכט דארף מען זיך נאכאמאל אפגיסן ווען מען שטייט אויף אינדערפרי (משנה ברורה אורח חיים סימן ד', סעיף קטן כז).

ג - אויב מען שלאפט בייטאג - זאגט דער מחבר (שם, סעיף טו) - איז א ספק צי מען דארף זיך וואשן די הענט, דעריבער זאל מען זיך וואשן אן א ברכה (רמ"א, שם). און דאס דארף נישט זיין ביים בעט, נאר מען קען אראפגיין פון בעט, און פאר מען וויל עפעס טון זאל מען זיך וואשן די הענט ביים סינק (אשל אברהם; משמרת שלום סימן א, סעיף קטן ג).

ד - מען גיסט אפ דריי מאל יעדע האנט; אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (שם, סעיף ב): "יְדַקְדֵּק לְעָרוֹת עֲלֵיהֶן מַיִם שָׁלֹשׁ פְּעָמִים, לְהַעֲבִיר רוּחַ רָעָה שֶׁשּׁוֹרָה עֲלֵיהֶן". מען הייבט אן מיט די רעכטע האנט; מען הייבט אויף דעם טעפל מיט די רעכטע האנט און מען געבט דאס איבער אין די לינקע האנט און מען גיסט אפ איין מאל די רעכטע האנט און נאכדעם די לינקע האנט, נאכדעם גיסט מען אפ די רעכטע האנט און אזוי ווייטער - סך הכל דריי מאל די רעכטע האנט און דריי מאל די לינקע האנט (שם, סעיף י). עס זענען דא וואס גיסן א פערדע מאל (משנה ברורה שם, סעיף קטן יא, בשם ספר מעשה רב שכן נהג הגר"א זכותו יגן עלינו), אזוי אויך זענען דא וואס גיסן נאכדעם דריי מאל אויף יעדע האנט (דרכי חיים,

שכן נהג הרה"ק מצאנז זכותו יגן עלינו), דאס איז אלעס מנהגים אבער די הלכה איז זיך אפצואוואשן די הענט דריי מאל.

ה - אויב מען האט נישט קיין אנדערע וואסער, נאר פון א קראן וואס געפונט זיך אין בית הכסא קען מען נעמען די וואסער, ווייל די פוסקים זענען דן אויף אונזערע בתי כסאות צי זיי האבן א דין פון א בית הכסא (עיין בשאלות ותשובות מנחת יצחק חלק א, סימן ס).

ו - מען פירט זיך אפצוגיסן אפילו גאר קליינע קינדער (משנה ברורה שם, סעיף קטן י׳; בן איש חי פרשת תולדות סימן י) כדי זיי זאלן אויפוואקסן בקדושה ובטהרה; אזוי ווי דער רבי'ס מאמע פיגא די נביאה האט געטון, גלייך ווען דער רבי איז געבוירן געווארן האט זי אים אפגעגאסן די הענט, און אזוי יעדעס מאל ווען דער רבי איז נאך געווען א קליינע בעיבי און דער רבי האט זיך אויפגעוועקט אינמיטן די נאכט, האט זי אים אפגעגאסן נעגל וואסער.

ז - אז מען כאפט זיך אן במקומות המכוסים און מען וויל דאווענען אדער זאגן תהילים דארף מען זיך אפגיסן די הענט (שם, סימן כא), אבער אז מען וויל רעדן צום אייבערשטן קען מען רעדן צו אים; אפילו מען האלט אינמיטן זייגן דאס קינד און מען האט נישט ריינע הענט - קען מען רעדן צום אייבערשטן.

דעריבער זאלט איר זיך נישט צוריק האלטן בשעת'ן געבן צו עסן פארן קינד צו רעדן צום אייבערשטן, ווייל דאס וועט מאכן אז דער קינד זאל וואקסן א גרויסע צדיק. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, חלק ב׳, סימן יב): "הֶחָלָב שֶׁל צַדֶּקֶת הוּא טוֹב לַתִּינוֹק לְיִרְאַת שָׁמַיִם, וְגַם נוֹתְנוֹת לוֹ מֶמְשָׁלָה בָּעוֹלָם הַזֶּה", מילך פון אן ערליכע פרוי ברענגט יראת שמים פארן קינד; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות בנים, סימן מז): "יִזָּהֵר מְאֹד שֶׁלֹּא יִינַק הַוָּלָד מֵאִשָּׁה רָעָה", מען דארף אכטונג געבן אז דאס קינד זאל נישט זייגן פון אן אשה רעה, "כִּי חָלָב מְטַמֵּא וְחָלָב מְטַהֵר"; זאלט איר אודאי רעדן צום אייבערשטן ווען איר געבט צו עסן פארן קינד, אזוי ארום וועט דאס קינד אויסוואקסן א גרויסער צדיק.

דער עיקר זאלט איר אכטונג געבן זיך אויפצופירן בצניעות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; איר זאלט זען צו גיין אנגעטון נאר מיט צניעות'דיגע קליידער, און בעטס שטענדיג דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער, קינדער וואס וועלן דיר דינען, קינדער וואס וועלן לערנען און דאווענען און זיך פירן מיט יראת שמים בזכות דעם וואס איך געב אזוי שטארק אכטונג אויף צניעות. אייבערשטער העלף מיר איך זאל מיך קענען**

**שטארקן אויף מיין יצר הרע, און איך זאל שטענדיג געדענקען אז עס לוינט זיך נישט גיין אנגעטון פראסט צו פארלירן מיינע קינדער״.**

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~